START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH
DRAMA

PRESERVATION
PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1882.17

Shaykevitsh, N. M.
Mosheh soldat: a drama in 4 akten.
Krako ; Pshemishl, [1912 or 1913]

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1882.17

Shaykevitsh, N. M. (Nahum-Me'ir), 1849-1905.
Mosheh soldat : a drama in 4 akten.
Krako ; Pshemishl : Amkroyt et Fraynd, 673 [1912 or 1913]
64 p.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Poland-Cracow

ID: NXYH01-B15429 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: 106228

Reduction ratio X 10.0

משה סאלדאט

א דראמא אין 4 אקטען

פון

מ. נ. שייקעוויטש.

קראקא תרע"ג

פערלאג פון

אמקרויט עט פריינד, בוכהאנדלונג, פשעמ:של.

דרוק פון משה דייטשער.

פערזאנען.

פערדינאנד וואלדמאן איין גוטסבעזיצער.
קלארא זיין טאכטער.
הערמאן איהר לעהרער.
ברוך זייער דיענער.
מאניע איין בעטלערין.
משה איהר זאהן.
שטומצער איין גינערל.
אברהם איין רינדאר.
מהלה זיין ווייב.

ערשטער אקט.

(איין ווירטסהויז אונטער דער שטאדט, אויפטריט קאהר).

כאהר : אלע אין איינעם לוסטיג ברודער נאר נוט
טרינקט אוים דעם ויין מיט אפעטיט
טרינקט נאר אוים דעם ויין
לאמיר לוסטיג זיין.
טרינקט נאר ברודער זיינגט נאר לידער } ביסס
לאמיר פרעהליך זיין } ביסס

סאלא : אייער אונטערהאלט געפעלט מיר נוט
איך ווינשע אייך דא פיעל גליק
און ליידיגט אוים די בעכער ויין
און גיט מיר צו לעזען אויפים ניי (ביס).
גאט זאל אייך געבען גליק און געזונד.
און ליידיגט אוים דעם ויין.

כאהר : אלע אין איינעם א. ז. וו.

(אויפטריט אברהם ווירטה, מאניע).

אברהם : ליעבע יודענע וואס ווילט איהר פון מיר ? איך האב פאר אייך
קיין פלאטץ נישט, איבערהויפט איצט איז מארק דא אין דארף, די
בויערן פאהרען דא דורך אין קעהרען אהער מיט פרוי אין קינד
דעריבער איז ביי מיר יעדעם שטי[illegible]אטץ זעהר טהייער.

מאניע: אך גאט! איינע ארימע קראנקע פרוי ווילט איהר פון אייער הויז ארויסוואַרפען?

אברהם: איך וואַרף אייך דען? איך פיהר דאך אייך ארויס פאַוואַלע ביי דער האנד.

מאניע: איהר פיהרט נישט מיך, איהר פיהרט ארויס די וועלע פון מיין ברוסט.

אברהם: וואס איך? וואס עס איז נישט אזוי געפעהרליך.

מאניע: דעם לעצטען גראשען האב איך דאך ביי אייך פערצעהרט.

אברהם: טאקע דערפאר ווייל עס איז געוועהן דער לעצטער.

מאניע: איך קען אבער ארבייטען.

אברהם: דאס וועלען מיר שוין זעהן.

מאניע: וויזשע זאל איך דען דערווייל בלייבען?

אברהם: איצט קען מען איבעראל בלייבען ווייל עס איז א שעהן וועטער אין דרויסען.

מאניע: איך האב מיך אפילו נישט מיט וואס צוצודעקען, ווי קען איך מיך בעהאלטען פאר דעם רעגען.

אברהם: גאט איז א פאטער.

מאניע: ווער וועט מיר געבען א שטיקעל ברויט מיין הונגער צו שטילען?

אברהם: דער וואס שפייזט אלע פייגעל אונטער'ן הימעל.

מאניע: הערט אוים מענטש, איהר ווייסט דאך אז איך האב פון נעכטען אין דער פריה קיין ביסען ברויט נישט געהאט אין מיין מויל.

אברהם: וואס איז, א קראנקער עסט ווייניג, עס קען איהם נאך שאדען.

מאניע: איך וועל אייך ריכטיג און פינקטליך בעצאהלען.

אברהם: פון וואנען? היינט איז שלעכטע צייטען.

מאניע: נישט שלעכטער פון מיין מזל.

אברהם: ווייסט איהר וואס? איהר זעצט אייך דא אויף דעם וועג, דער וועג ריהט נישט פון מענשען, און בעט נדבות, עס וועט אייך קיינער נישט אבזאגען.

מאניע: וואס נדבות בעטען? בעסער זאל איך פאר הונגער שטארבען.

אברהם: אט האסטו דיר א פרוצה, עס האט זיך שוין פיעל מאהל געטראפען אז טאטענס קינדער בעטען נדבות פריבט, א געוואהנהייט אין די צווייטע נאטור, זעהט איהר אט געהט דארט איינער וועל איך אייך לערנען ווי אזוי מען טהוט (איין גייער געהט גוט מארגען גייער) גוט מארגען גיט יאהר.

אברהם: ליעבער שכן שענקט, די ארימע פרוי עפעס א נדבה.

גייער: איך האב ביי מיר גאר נישט.

אברהם: ווייס איך דער איז אליין א געזונטער קבצן, אט געהט דער רינדאר ער וועט אייך געווים געבען איין שטיקעל ברויט גוט מארגען ר' ליב זעהט נאר דארט זיצט איין ארימע פרוי איינע קראנקע, זי שעהמט זיך אייך צו בעטען א נדבה.

רינדאר: זי מעג זיך טאקע שעהמען זי איז יונג און געזונד זי קען ארבייטען און פערדיענען.

אברהם: זי האט אבער דאס פיעבער זי איז קראנק.

רינדאר: לאז זי עס טאקע האבען היינטיגע צייטען פארדיענט מען שווער א קערביל קיין שום מענש קומט נישט אן גרינג מען מוז ארבייטען.

אברהם: בעצאהלט נאר פאר איהר פאר א שטיקעל ברויט זי איז זעהר הונגעריג.

רינדאר: אויף דעם פעלד איז היינטיגע צייטען נישט געראטען אין די חאלערע האט ביי מיר די בעסטע צוויי אקסען אוועקגעחאפט.

אברהם: עס זאל דיך טאקע אויך אוועק חאפען דאס איז א קארגער

הונד נו. מיין ליעבע יודענע פון מיין זייט האב איך גענוג יוצא געוועהן איך בין נור מחויב געוועהן אייך צו לערנען בעטלען געהן, ווייטער זאל אייך גאט העלפען! (אב).

מאניע: ליעבער גאט אין הימעל, די ווייסט עס, אז איך בין עס נישט געוואוינט אה! איך דאנקע דיר ליעבער גאט וואס די האסט מיך ביז אהער דערהאלטען מיט דיין גענאדע און די האסט מיך אבגעהיטען פון מענשענס נאבע נא גיבזשע מיר ווידער צוריק, אז איך זאל קענען ווידער אנפאנגען צו ארבייטען און דאס ביסאלע וואס איך דארף זאל איך נישט דארפען אנקימען צו לייטענס נאבע. אה! ווען מיין זוהן משה׳לע זאל עס ויסען אז איך זיין מוטער בין הונגעריג אה! נוטער נאט לעבט ער חאטש ערגעץ? יא עס מוז שוין געווים ליגען אויף איהם א בארג מיט ערד... אה וואלדמאן וואלדמאן די שלעכטער מענש וואס דורך דיר איז יעצט מיין גאנצעס לעבען... נישט מיין איך וויל דיך יעצט נישט שעלטען לעב דיר גליקליך דארט ווי די ביזט איך ווינש מיר נאר איין זאך דורך מיין צופאל זאל עס דיך דא דורכפיהרען און די זאלסט דערקענען אין די שמאטעס און אין דעם אויסגעדארטען פנים די איינסט בליהענדע מאניע, און איך וויל זעהן וואס פאר א מוטה די וועסט פאסען מיך אנצוקוקען! אך! עס פאלט מיר ארוים מיין הערץ פאר הונגער ווען איך זאל חאטש האבען איין שטיקעל ברויט! דאך מיין איך אז דא אויף דעם גרויסען וועג וועט מען מיך נישט לאזען פאר הונגער שטארבען.

(אויפטריט יענטע).

יענטע: גוט מארגען אייך מימעניו וואס זיצט איהר דא?

מאניע: וואס איך זיטץ פרעגט איהר? מען האט מיך אנידער געזעצט, אין צרות נא זיטץ איך האסט נישט ביי דיר איין שטיקעל ברויט ליעבעס קינד איך בין זעהר הונגעריג!

יענטע: וואס ברויט? ווענט איהר דען שטארק הונגעריג?

מאניע: יא יא מיין ליעב קינד איך שטארב שיער פאר הונגער!

יענטע: אך מיין גאט קיין געלד האב איך נישט ביי מיר איך געה יעצט אין שטאט אריין מיט דער מילך און אז איך וועל צוריק געהן וועל איך אייך געווים שענקען א פאר גראשען מיט א שטיקעל ברויט איך אליין בין אויך א יתומה וואס טהוט מען אפשר ווילט איהר אביסעל מילך דאס קען איך אייך געבען.

מאניע: יא מיין קינד גיב מיר אביסעל צו בענעצען מיין נשמה?

יענטע: נאט טריענקט! טריענקט! טריענקט נאך א ביסאלע איך גיב עס אייך פון דעם גאנצען הערצען!

מאניע: גאט זאל דיך בענשען דערפאר די האסט מיך פארט דערקוויקט!

יענטע: איך האב דערפון פערגניגען? א גוטען טאג אייך (אב).

(אויפטריט חסיד).

מאניע: גריעסט אייך גאט מיין ליעבער הערר!

חסיד: איך דאנקע אייך זעהר ליעבע פרוי דען איהר זעהט אוים קראנק צו זיין.

מאניע: יא איך בין קראנק איך האב דאס פיעבער.

חסיד: (גיט איהר געלד) אויף מיר דייט קיין פאראיבעל איך בין אליין אויך נישט קיין רייכער מענש! (אב)

מאניע: יא איך דאנק אייך זעהר!

(אויפטריט משה).

משה: (קומט אן פריעהליך) אדא מוז מען טרינקען א גלאז ביער היינט איז זעהר א הייסער טאג נאר צו ערשט מוז איך מיין באטעלע איין עצה פרעגען (קוקט אריין אין זיין באטעלע) א עס וועט מיר נאך בלייבען אויף איין מיטאג אויך צו בעצאהלען אין אויף דער נאכט אז גאט וועט העלפען וועל איך שוין זיין אין דער היים, יא אזוי בלייבט עס איך

בין וועהר דארשטיג העּ קארטשמער (ער דערזעהט מאניען) אה איין ארעמע קראנקע פרוי אזוי אבגעריסען אזוי מאגער און אויסגעדארט, זי בעטעלט נישט נאר איהר פנים זעהט אוים אז זי דארף מען זאל איהר העלפען נא מוז מען דען שטענדיג ווארטען ביז איינער בעט? מיר שיינט אז איך וועל דא איין גרויסע מצוה פארדיענען א מצוה לעשט דעם דארשט און שטילט דעם הונגער (ער גיט איהר געלד, זי דערקענט איהם).

מאניע: משה'לע מיין זוהן מיין קינד.

משה: אה אים נאטעס ווילען ליעבע מוטער וואס טהוסטו דא? אך אין וואס פאר א צושטאנד וועה איך דיך יעצט? וואס איז דאס?

מאניע: אה איך קען נישט רעדען מיין ליעב קינד. אה די פריידע, אה די פריידע איך בלייב אן כוחות.

משה: קום צו דיר מיינע טהייערע מוטער קום צו דיר. מיין פיעלגעליעבטע מוטער, אה זי ציטערט אה גאט זי חלש'ט.

מאניע: אה מיין קינד, איך בין שוואך עס שווינדעלט מיך פאר מיינע אויגען איך האב נאך פון נעכטען אן נישט געגעסען.

משה: (נעמט ארויס ברויט) אט האסטו ברויט ליעבע מוטער איך האב אויך אביסעל געלד אין מיין ראק, מיין מאנטעל וועל איך פער־קויפען (חאלישט) העּ קארטשמארש! (קארטשמארש דורך דעם פענסטער) וואס איז דאס אזוינס?

משה: א פלעשיל וויין געשווינד געשווינד.

קארטשמארש: אט איז דא וויין איך זאג אייך א גלעזעל איין אנטיק ער קאסט אפילו ביליג נאר איך זאג אייך אז ער האט אין זיך אזא פיין זויערקייט פונקט ווי וויין.

משה: גיט אהער וואס קאסט ביי אייך די פלאש שמאטע?

קארטשמארש: שמאטינער? מיין וויין מיין ליעבער פריינד מיין וויין איז נישט...

משה: איז נישט אזוי גוט דאס ווייס איך.

קארטשמארש: איך האב נאך א גוט גלעזעל פראנצעזישען וויין אין קעלער אריינגעם בוימעהל איהר מעגט אייך ווינשען צו פערזיכען א גלעזעל פון יענעם וויין ווען איהר טרינקט נאר אוים איין גלעזעל! ווערט איהר רויט ווי א טערק.

משה: נא גיט שוין אהער די פלאש.

קארטשמארש: א פלאש וויין?

משה: יא געשווינד!

קארטשמארש: פיר וועמען?

משה: פיר מיך דער רוח זאל איהם נעמען, ווי ער טענה'ט א סך.

קארטשמארש: דער סאלדאט האט איהר געלד צו בעצאהלען?

משה: (ציילט) עס פעהלט מיר קאפיקעס איהר מעגט אויך רחמנות האבען אויף איין ארעמע קראנקע פרוי...

קארטשמארש: נא נא, צו ערשט דרייסיג קאפיקעס.

משה: אט איז געלד חאפט אייך דער רוח מיט'ן געלד, גיכער זאג איך אייך ווארי'ן איך שלאג אייך אוים אלע אייערע שויבען.

קארטשמארש: ווארט נאר ווארט די סאלדאט (אב)

משה: געהונגערט האט זי נעבעך דעם גאנצען טאג וועהרענד איך האב מיר נעכטען ביי נאכט אין דער רעסטוראציאן אנגעשאפט א בראטען מיט א גיט גלאז וויין וועהרענד מיינע מוטער האט דא געחלש'ט פאר א שטיקעל ברויט. אה! גאט מיין גאט ווי מיין גאנצע פריידע איז פערביטערט און פערפינסטערט געווארען.

מאניע: זַיי רוּהִיג מַיין קִינְד דַאנְקֶע גָאט אִיךְ זֶעהֶע דִיךְ וִוידֶער, יֶעצְט אִיז מִיר שׁוֹין גוּט אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט גֶעהָאפְּט מֶעהר צוּ זֶעהן.

משה: יָא אִיךְ וֶועל דִיךְ נִישְׁט לָאזֶען פַאלֶען לִיעבֶּע מוּטֶער זֶעה וִוי אִיךְ בִּין שׁוֹין גְרוֹים אוּן גֶעזוּנְד אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַרְבֵּייטֶען אוּם דִיךְ צוּ עֶרְנֶעהְרֶען.

מאניע: אִיךְ דַאנְק דִיר מַיין טְהַייעֶרֶער זָאהן דֶער וַויין דֶערְקְוִויקְט מִיךְ אִיבֶּערְהוֹיפְּט פוּן מַיין קִינְדֶס הַאנְד יָא דָאס גִיט מִיר מַיין לֶעבֶּען.

משה: יָא מַיין טְהַייעֶרֶע מוּטֶער טְרִינְק נָאךְ אַבִּיסֶעל אִין פֶּערְבַּייס אוּן רֶעד יֶעצְט וֶועניג בִּיז דִי וֶועסְט צוּ דַיינֶע כּוֹחוֹת וִוידֶער קִימֶען.

מאניע: דֶערְצֵעהל מִיר לִיעבּ קִינְד וָואס אִיז מִיט דִיר אִין דִי פִינְף יָאהר פָארְגֶענַאנְגֶען?

משה: אַמָאל גוּט אַמָאל שְׁלֶעכְט, אַמָאל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט צוּ פִיעל צוּ אִין אַמָאל גָאר נִישְׁט, נָאר גָאט זַיי דַאנְק וָואס אִיךְ בִּין גֶעזוּנְד.

מאניע: פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר אַזוֹי לַאנְג קֵיין בְּרִיעף גֶעשְׁרִיעבֶּען.

משה: אַךְ מוּטֶער! אַיין אָרֶעמֶען סָאלְדַאט קוּמְט זֶעהר שְׁוֶועהר אָן דָאס פָּאסְטְנֶעלְד, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יָא אַמָאל צוּנוֹיף גֶעלֶעגְט אַ פָּאר קָאפִּיקֶעס הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס אִיךְ זָאל מִיט זַיי פְּרִיהֶער טְהוּן, אוּן אַזוֹי אִיז פַארְצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען וָואךְ צוּ וָואךְ, אִיךְ בֶּעט דִיךְ לִיעבֶּע מוּטֶער פֶערְצֵייהֶע מִיר.

מאניע: זָאג מִיר מַיין קִינְד בִּיזְטוּ שׁוֹין גֶענְצְלִיךְ פְּרֵייא?

משה: נָאךְ נִישְׁט לִיעבֶּע מוּטֶער, אִיךְ הָאבּ נָאר בֶּעקוּמֶען אַיין אוּרְלוֹיבּ אוֹיף אַ פָּאר מָאנַאטְהֶע דוּרְךְ אַיין גֶעוִויסֶער אוּרְזַאכֶע, נָאר יֶעצְט אַז אִיךְ בִּין דִיר נֶעטִיג בְּלֵייבּ אִיךְ בַּיי דִיר.

מאניע: יָא מִיט דַיין זַיין נֶעבֶּען מִיר הָאף אִיךְ אַז אִיךְ וֶועל אִין גַאנְצֶען גֶעזוּנְד וֶוערֶען, וֶועל אִיךְ וִוידֶער קֶענֶען אַרְבֵּייטֶען אוּן דִי וֶועסְט קֶענֶען צוּרִיקְגֶעהְן וֶועסְט דִיר קֶענֶען גֶעהְן וואוּהִין דִי ווִילְסְט. אִיךְ ווִיל דַיין

גְלִיק נִישְׁט שְׁטֶערֶען, קֶענְסְטוּ מִיר נִישְׁט זָאגֶען מַיין לִיעבּ קִינְד דוּרְךְ וֶועלְכֶער אוּרְזַאכֶע דִי הָאסְט אוּרְלוֹיבּ בֶּעקוּמֶען.

משה: יָא לִיעבֶּע מוּטֶער אִיךְ וֶועל עֶס דִיר דֶערְצֵעהלֶען, גֶעדֶענְקְסְטוּ לִיעבֶּע מוּטֶער פַאר פִינְף יָאהר צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין אַוֶועק פוּן דֶער הַיים הָאסְטוּ מִיר אַלֶעס מִיטְגֶעגֶעבֶּען נָאר אַיין זַאךְ הָאסְטוּ פֶערְגֶעסֶען.

מאניע: וָואס מַיין קִינְד?

משה: אַ פַּאס אָדֶער אַיין גֶעבּוּרְטְסְשַׁיין, אִיךְ בִּין דַאמָאלְס נָאךְ נַארִישׁ גֶעוֶועהן, אַ יוּנְגֶעל פוּן פִינְפְצֶעהן יָאהר, אִיךְ הָאבּ גָאר נִישְׁט פֶערְשְׁטַאנֶען צוּ מֶען בֶּעדַארְף הָאבֶּען אַ פַּאס, אִין דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פִיעל מָאל וָואס מִיךְ הָאט פֶערְדְרָאסֶען וָואס דִי הָאסְט מִיר דָאס נִישְׁט מִיטְגֶעגֶעבֶּען, וַוייל אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין נָאר גֶעקִימֶען אִין אַ שְׁטָאדְט הָאבּ אִיךְ דָאךְ טַאקֶע גֶעזוּכְט אַ שְׁטֶעלֶע, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֶערְנֶען אַ מְלָאכָה, אוּן וִוי אִיךְ בִּין נָאר גֶעקִימֶען הָאט מֶען מִיךְ טַאקֶע גֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַ פַּאס. נָאר עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ צְוִוישֶׁען אוּנְזֶערֶע יוּדֶען מֶענְשֶׁען מִיט גוּטֶע הֶערְצֶער הָאבֶּען זַיי מִיר גֶעגֶעבֶּען אַ שְׁטֶעלֶע.

מאניע: לַאנְג לֶעבֶּען זָאלֶען זַיי דִי גוּטֶע מֶענְשֶׁען.

משה: בֶּענְשׁ זַיי נִישְׁט לִיעבֶּע מוּטֶער, נִישְׁט אַזַא שְׁטֶעלֶע וִוי דִי מֵיינְסְט הָאבֶּען זַיי מִיר גֶעגֶעבֶּען, נַיין, פַאר אַ סָאלְדַאט הָאט מֶען מִיךְ אָבְגֶעגֶעבֶּען.

מאניע: מַיין קִינְד דִי הָאסְט אוֹיךְ שׁוֹין גֶענוּג גֶעלִיטֶען אוֹיף דֶער שְׁלֶעכְטֶער וֶועלְט (ווײנט).

משה: וַויין נִישְׁט לִיעבֶּע מוּטֶער, הֶער בֶּעסֶער וַוייטֶער, מֶען הָאט מִיר אַיין אַנְדֶערְן נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען, נוּ אַוַדַאי הָאט עֶס מִיךְ שְׁטַארְק פֶערְדְרָאסֶען, אוּן נָאךְ מֶעהר הָאט עֶס מִיךְ פֶערְדְרָאסֶען וָואס אַלֶע סָאלְדַאטֶען הָאבֶּען מִיךְ גֶערוּפֶען קִינְד אָהנֶע פָאטֶער אַמָאל בִּין אִיךְ

שטארק אין כעס געווארען און עס איז צווישען אונז ארוים א געשלעג און דער פעלדוועבעל האט עס דעם קאמענדאנט דערצעהלט. ער איז אבער געוועהן זעהר א גוטער מענש און האט מיך ליעב געהאט. איך האב איהם די גאנצע געשיכטע ערצעהלט פארוואס דער שקאנדאל איז געשעהן, און האב איהם אויך דערצעהלט אז ווען איך בין אוועק פון דער היים בין איך אלט געוועהן פינפצעהן יאהר און האב נישט געוואוסט צו מען דארף גאר האבען א פאס. ער האט מיט מיר מיטלייד בעקומען און האט מיר געגעבען אורלויב אויף צוויי מאנאטהע און האט מיר נאך געשענקט דריי רובעל איך זאל קענען אהיים פאהרען און מיר איין פאס בעזארגט. און האט מיר אנגעזאגט אז פונקט צו דער צייט זאל איך צוריק קומען. און דיין געזיכט ליעבע מוטער האט מיר אין יענעם מאמענט אנגעפאנגען צו שוועבען פאר די אויגען ביז יעצט ביז איך האב דיך דא דערזעהן האב איך נאר אין דיר געדענקט, און דאס איז די אורזאכע וואס איך בין געקומען.

מאניע: נו מיין קינד די ביזט ערשט געקימען דיר נעמען איין געבורטסשיין.

משה: יא מיין ליעבע מוטער!

מאניע: אך גאט! (וויינט).

משה: וואס איז דיר ליעבע מוטער? אך גאטעס ווילען וואס ויינסטו?

מאניע: די קענסט קיין געבורטסשיין מיין קינד אזוי גיך נישט בעקומען!

משה: פאר וואס?

מאניע: קינד מיינס, גאט איז מיין עדות אז איך האב מיט שרעקליכע שמערצען אבגעקויפט מיין פערברעכען ביי מיינע עלטערן, מיינע פיינע פרומע עלטערן, זייער קאפ בעדעקט מיט שאנדע און מיט שמערצען און מיט קומער, דורך דער ליעבע צו דיין פאטער האב איך זייער זעגען נישט בעקומען, און איבער מיר האסטו אויך מיין ליעב קינד אזוי פיעל געליטען. אה גאט! גיב מיר מוטה, גיב מיר קרעפטע, ענטדעק די װאהרהייט מיינעם קינד!

משה: מוטער, פאר דיין זאהן פאר דיין איינציג קינד קענסטו אלעם ענטדעקען, איך פערלאנג פון דיר די זאלסט מיר אלעם ערקלעהרען, דערבארם דיך איבער דיין איינציגען זאהן, דערצעהל מיר ווער איז מיין פאטער? (קושט זי).

מאניע: קוק מיך נישט אזוי פערצווייפעלט אן איך וועל דיר אלעם ערצעהלען.

משה: דערצעהל ליעבע מוטער איך וויל אלעם וויסען.

מאניע: דאמאלס מיט פינף יאהר צוריק ווען די ביזט אוועק ביזטו נאך צו יונג געוועהן אום דיר אזא געהיימניס צו ענטדעקען, יעצט אבער ביזטו שוין איין פאלקאמענער מענש מיט פערשטאנד, און אויך א גוטער מענש, מיינע מוטערליכע האפנונגען האבען מיך נישט אבגענארט, גאט זיי דאנק! די צייט איז געקומען אז איך האב פאר וועמען מיין מיין פערוואונדעטעס הערץ צו ענטדעקען, פאר מיין קינד קען איך פערטרויען, ער וועט מיך נישט אזוי שוועהר פעראורטיילען.

משה: די מעגסט מיר אלעם ערצעהלען ליעבע מוטער.

מאניע: אך מיין ליעבער זאהן איך וועל דיר אלעם ערצעהלען, נאר איך קען מיט מיין צינג נישט רירען, ווי אזוי וועסטו מיר קענען פאר בושה אין די אויגען גלייך קוקען, הער אוים מיין זאהן! געגען גאט האב איך קיין פערברעכען בעגאנגען, נאר געגען מיינע עלטערן האב איך שרעקליך געזינדיגט. זעהסטו פון ווייטענס אט דאס שטעטעל? דארט בין איך געבוירען, דארט האבען מיר מיינע ארענטליכע עלטערן ביז אכט יאהר ערציהונג געגעבען, אם ענדע האב איך בעדארפט געפעלען דעם פריץ אין דעם שטעטעל. און זיין פרוי האט געבעטען מיינע עלטערן אז זיי זאלען מיך אבגעבען צו איהר און זי וויל מיך ערציהען ביי זיך. אזוי איז דאס אויך געשעהן, זיי האבען מיך באלד גענומען צו זיך, און האבען מיך געלאזט לערנען לעזען און שרייבען און זאנאר פיאנא שפיעלען, און האבען מיך געליעבט ווי איין אייגען קינד, און

אז איך בין אלט געווארען זיעבצעהן יאהר איז אנגעקומען פון פאריז דעם פריץ זוהן איין סטודענט פון צוואנציג יאהר, שעהן ווי די וועלט. און האט אין זיך געהאט אזעלכע חניפדיגע מאנגעסען אז ער וואלט געקענט א מלאך אויך פערפיהרען. ער האט זיך צו מיר צוגע-שמייכעלט און האט מיר געשוואוירען עוויגע טרייע אונד ליעבע און האט מיר געשוואוירען דאס אין איין קורצער צייט וועט ער מיך ערקלעהרען פאר זיינע עלטערן און פאר דער גאנצער וועלט אלס זיינע פרוי און איך נאריש מיידעל האב דאמאלס דורך זיינע זיסע רייד פערגעסען אין מיינע פראמע עלטערן און אויך אין דער פפליכט דער מענשהייט. אך ווי ריהרענד פלעגט ער שטעהען פאר מיר אויף די קניעס און מיך בעטען איך זאל איהם נישט אויסגעבען פאר זיינע עלטערן. מיר האבען געהאט צוויי עדות, דעם רב אין דעם שמש. איך האב עס איהם פערשפראכען און האב זיינע נירען אין מיין הערץ פערשלאסען, ווייל איך האב איהם זעהר געליעבט. און דערפאר האב איך פון זיינעטוועגען זעהר פיעל געליטען, ער איז זיך דאן צוריק קיין פאריז געפאהרען און איך בין שוין געוועזען אויף דער צייט, איך בין געבליבען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג, נישט איין מאהל האב איך מיר געוואלט דאס לעבען נעהמען, נאר דער געדאנק אז איך וועל באלד א מוטער ווערען דאס האט מיך צוריקגעהאלטען, איך האב איהם באלד איין בריעף געשריעבען נאר ער האט מיר נישט געאנטווארטעט. ווידער איבערציינגען אז ער האט מיך בעטראגען האב איך נישט געקענט ווייל די צוויי עדות זענען געשטארבען, נאך דעם האב איך פערנאמען אז ער האט שוין חתונה געהאט אין פאריז.

משה: מיין פאטער האט חתונה געהאט מיט איין אנדערער, אך ווי ניעדערטרעכטיג דאס איז.

מאניע: ווען די ביזט אוועקגעפאהרען בין איך שרעקליך קראנק געווארען און האב אלעס פערצעהרט ביז צום לעצטען העמד. איך בין געצוואונגען געווארען צו בעטלען אזוי ווי די האסט מיך געטראפען.

משה: אך ליעבע מוטער ווען איך זאל דאס געוועהן וויסען וואלט איך געוועהן פון שרעקען ביסען פאר דיר אבגעשפארט, נאר גאט זיי דאנק וואס איך האב דיך געפונען, אה ניין, יעצט געה איך פון דיר נישט אוועק, איך וועל דאס אלעס דעם הויפטמאן שרייבען, ער מעג זיך דענקען וואס ער וויל, נאר פון דיר געה איך נישט אוועק, אך ווען איך זאל יעצט קענען א מלאכה א שניידער אדער א שוסטער, אך ווי גליקליך וואלט איך געוועהן, נאר איך האב נאך א פאר געזונדע פלייצעס, איך וועל שטיינער טראגען, האלץ האקען, איך וועל מיך פאר דיר פערדינגען פאר א קנעכט, בטאג וועל איך עטוואס ארבייטען און ביינאכט וועל איך ביי איינעם אדוואקאטען פאפיערען איבערשרייבען, איך האב זעהר א שעהנע און א ריינע האנדשריפט. און דאס האב איך טאקע דיר ליעבע מוטער צו פערדאנקען, דען די האסט מיך דאס אויסגעלערנט גאט וועט העלפען און מיר וועלען זיך קענען שעהן ערנעהרען. גאט העלפט דעם וואס וויל ארבייטען ווענען זיין קראנקער מוטער.

מאניע: אה ווי רייך ווי גליקליך בין איך אויף איינמאל געווארען.

משה: יא, די האסט פערגעסען מיר צו זאגען ווי מיין פאטער הייסט.

מאניע: ער הייסט פערדינאנד וואלדמאן.

משה: נו אין ער וואוינט דא אין דעם שטעטעל?

מאניע: דא האבען געוואוינט זיינע עלטערן, נאר מיר שיינט אז זיי זענען שוין געשטארבען, נאר ווייל ער האט די פרוי וואס ער האט מיט איהר חתונה געהאט זעהר ליעב וואוינט ער אין פאריז. אין דא אין שטעטעל איז דא א מענש פון זיין האנד וואס פאכט זיינע אלע געשעפטע.

משה: נא ליעבע מוטער איך וועל געהן צו מיין פאטער און וועל מיך פונקט גענען זיינע אויגען שטעלען און דיך וועל איך אויף די הענד ביז אהין טראגען. ווי ווייט איז דען קיין פאריז? איך וועל זעהן וואס זיינע געוויסען וועלען דארויף זאגען. נאר ניין, צו וואס זאל איך מיין פאטער קענען ווען ער קיין גוטער און ארענטליכער מענש איז? פאר מיין צעבראכענעם הערץ איז גענוג א מוטער, אזא מוטער וואס ליעבט מיך, צו וואס טויג מיר אזא פאטער? ניין איך וועל צו איהם נישט געהן, לאז ער זיך דארטען זיין, מיר וועלען זעהן ווי גאט וועט זיך אין איהם אברעכענען, עה מוטער מיר דארפען איהם נישט האבען, מיר וועלען... אך מוטער וואס איז דיר? וואס ביזטו אזוי בלאס געווארען? ליעבע מוטער לאז דיך נישט אב אזוי וואס איז דיר?

מאניע: גאר נישט מיין קינד, איך בין שוואך, איך וואלט געוואלט מיך אביסעל אויסרוהען.

משה: אך גאט! איך בין אזוי פערווירט, יעצט זעה איך ערשט אז מיר וועגען אין דרויסען נישט אין קין שטיעב (ער לויפט פון קרעטשמע).

(אויפטריט אברהם מחלה.)

אברהם: וואס ווילט איהר? וואס איז דארט אזוינס?

משה: ליעבער פריינד, זעהט די ארעמע פרוי פערשמאכטעט אונטער דעם פרייען הימעל, זי איז מיינע מוטער, האט רחמנות און גיט איהר א שטיקעל ארט ווי זי זאל זיך קענען איין האלבע שטונדע אויסריהען, גאט וועט אייך בעצאהלען.

אברהם: מאכט נישט קיין איבריגע טענות, איך פערשטעה זעהר גוט, הע מחלה, מאך דארט צורעכט דאס בעט, די קינדער קענסט דערווייל ליינען אויף דעם אויבען, און די קום באלד ארויס אהער וואס דערצעהלט איהר עפעס פוסטע זאכען גאט וועט צאהלען, ווען

גאט זאל וועלען פאר אזעלכע זאכען בעצאהלען וואלט ער געדארפט האבען א גרויסען קאסע קאסטען און שטעהן טאג אין נאכט און נאר צאהלען (מחלה ערשיינט).

משה: האט איהר נישט מיט עפעס מיין ארעמע מוטער צו ערקוויקען?

אברהם: חאפ דיך אריין מחלה צום שבן אין קרעטשמע און ברענג אריין אביסעל וויין.

משה: ניין ניין מען דארף נישט זיין ווייך, ער איז נישט גוט, איך האב איהר פריהער געגעבען אביסעל איז איהר נאך ערגער געווארען.

אברהם: מחלה טהו נאר א קוק מיר דאכט אז די שווארצע הין האט זיך געלעגט נעם אין מאך א צווייי לויזע אייער.

מחלה: א פאר זיסע בארען אויב איהר ווילט.

אברהם: אבער דאס בעסטע וואס איהר האט, אין א פאר פרישע גריוועז.

מהלה: מיר דאכט אז סידארף נאך זיין א ביסעל בראנפען אויב איהר ווילט קען איך אייך געבען.

משה: גאט זאל אייך בעצאהלען פאר אייער גוט הערץ, האסטו חאטש געהערט ליעבע מוטער (זי פערוואשפט דעם קאס) מיין גאט פיליייכט איז דא איין דאקטאר צו בעקומען.

אברהם: סיידען אין שטעטעל, איך האב נאך קיין דאקטאר נישט בעניצט קיינמאהל.

משה: אך גאט! וואס טהוט מען דא? זי וועט נאך חלילה שטארבען, גרויסער גאט! האטס רחמנות ליעבע מענשען און בעטס פאר מיין מוטער צו דעם ליעבען גאט. איך אליין קען נישט בעטען.

מאניע: זיי רוהיג מיין ליעב קינד עס ווערט מיר שוין בעסער, ווען איך זאל נאר בעקומען אביסעל וויין.

משה: באלד ליעבע מוטער. אך וואס טהוט מען? איך האב ביי מיר קיין קאפיקע, אבער קיין איינציגע קאפיקע ווען מען קוילעט מיך.

מחלה: וועהסט אברהם ווען די זאלסט נעכטען נישט געוועזען אוועקטראגען דאס דירה געלד.

אברהם: ווען איך זאל נישט געוועזען, איך האב דאך אבער יא אוועקגעטראגען, גרויסער גאט! איין אומגליק זאל איך האבען ווען עס געפינט זיך ביי מיר אין שטיעב א קאפיקע.

משה: אויב אזוי וועל איך געהן עפעס אויסבעטען און ווען מען וועט מיר נישט געבען וועל איך געהן איינפאך גנבענ'ן. איך וועל טהון וואס איך וועל קענען. איך בעט אייך גוטע מענשען גיט דא אכאכט אויף מיין מוטער. טהוט דא דערווייל וואס איהר קענט און איך וועל באלד צוריק קומען, גרויסער גאט! שטעה מיר ביי! (אב)

מחלה: ווען ער זאל זיך טאקע לאזען גלייך לויפען צו אונזער גבירס טאכטער אין שטעטעל וואלט זי איהם געגעבען א פיינע נדבה.

מאניע: (פערצווייפעלט) וועלכע טאכטער?

מחלה: די טאכטער פון אונזער גביר פון דעם שטעטעל.

מאניע: וואס? זי איז דא?

מחלה: וואס איהר ווייסט גאר נישט? דעם פרייטאג ווערט פינף וואכען אז ער איז אהער געקומען מיט איהר פון פאריז.

מאניע: פערדינאנד וואלדמאן?

מחלה: יא עס פערשטעהט זיך!

מאניע: און זיין פרוי ווי איז?

מחלה: זי איז אין פאריז געשטארבען, אזוי לאנג זי האט געלעבט איז ער קיין איינציג מאהל נישט געוועהן דא. מיר קענען איהם נאך אלס סטודענט ווען ער איז מיט צוואנציג יאהר צוריק דא געוועהן אלס גאסט.

אברהם: איך געדענק נאך וואס פאר א פייערינגער יונג דאס איז געוועהן, נאר וואס קומט ארוים אז אויף דעם בעסטען שטיקעל פלאץ וואקסט אויך קראפיווע.

מחלה: די געדענקסט נאך אודאי וואס איז געוועהן מיט דער מאניע בערקאוויטש, דאס איז זיין ארבייט געוועזען, ער האט זי נעבעך אומגליקליך געמאכט עס איז נישט שעהן פון זיין זייט.

אברהם: וואס האסטו דיך צורעד פון פוסטע זאכען, מען ווייסט נאך ביז איצט נישט צו ער איז געוועהן דער פאטער פון דעם קינד ווייל זי אליין האט קיינמאהל נישט אויסגעזאגט.

מחלה: דאס איז קיין אנדערער נישט געוועזען איך קען וועטען אויף וואס די וועלט שטעהט די זינד זאל איהם קיינמאהל נישט פערגעסען ווערען.

אברהם: דאס איז פון זיין זייט זעהר נישט שעהן וועד ווייסט ווי די ארעמע שלעפט זיך ערגעץ ארום אין צרות און אין ליידען, און אפשר איז זי שוין פאר הונגער געשטארבען, און דער אלטער בערקאוויטש וואלט אויך געוועהן לעננער געלעבט ווען דאס אומגליק זאל נישט געוועהן זיין הערץ צובערעכען, אה א שעהנער תכלית איז פון דעם הויז געווארען (מאניע פאלט אין אהנמאכט) וועה איז מיר, וועה נאר וואס עס איז געווארען מיט דער פרוי, אך גאט! וואס טהוט מען? לאמיר זי אין שטיעב אריין נעמען, מען דארף תהלים זאגען גאט ווייסט צו די פרוי וועט לעבען (נעמען זי אין שטיעב אריין ערשיינען מארקסלייט).

קאהר: אוי א מארק אוי א מארק
אוי א מארק איינס אין דער וועלט.

טְרָאנְזְשֶׁע שְׁטַארְק טְרָאנְזְשֶׁע שְׁטַארְק
טְרָאנְזְשֶׁע שְׁטַארְק דָאם בִּיסָעל גָעלְד
בִּילִ'יג בִּילִ'יג (ביס)
קוֹיפְט בַּיי מִיר (קויפט ביי מיר קויפט ביי מיר).

פ א ר ה א נ ג.

ענדע פון ערשטען אקט.

צְוֶוייטֶער אַקְט.

א גארטען ביי וואלדמאנען, מעהרערע געסט.

קאהר: צוּ עָהְרֶע פוּן אוּנְזֶער גְרַאפֶען —
וָואס מִיר הָאפֶען שׁוֹין פוּן לַאנְג,
דָער גָאט וָואס הָאט דִי וָועלְט בֶּעשַׁאפֶען —
זָאל אוּנְז בֶּעלַייכְטֶען דָעם גַאנְג,
מִיט עָהְרֶע זָאל אַייךְ בֵּיידֶע גָאט קְרֶענֶען — (ביס)
יָא מִיט גֶעזוּנְד אוּן מִיט לַאנְגֶע יָאהר,
אַייעֶר גְלִיק זָאל עֶר אַייךְ בֶּעשַׁיינֶען —
יָא מִיט גֶעזוּנְד אוּן אוֹיךְ מִיט לַאנְגֶע יָאהר.

וואלדמאן: נוּ הֶערר שְׁטוּצֶער, וִוי גֶעפֶעלְט אַייךְ דִי גֶעגֶענְד?

שטוצער: שַׁארְמַאנְט, אִיךְ זָאג אַייךְ דִי וַואהְרְהַייט אַז אַלֶע בְּלוּמֶען שְׁמֶעקֶען אוּן זֶעהֶן אוֹיס וִוי דָער טְהֵייעֶרְסְטֶער פֶּערְפוּם (שמעקט) דִי אַלֶע בְּלֶעטְלֶעךְ זֶעהֶן אוֹיס אַלְס אוֹיב מֶען הָאט זֵיי פְּרִיזִירְט. קוּרְץ אִיךְ זָאג אַייךְ דִי גַאנְצֶע גֶעגֶענְד אִיז וִוי פֶּערְפוּמִירְט (ער האלט א פלעשעל פערפום און שמעקט).

וואלדמאן: (אפארט) אַיֶעדֶער מֶענְשׁ רֶעדְט נָאר פוּן דֶעם וָואס עֶר אַלֵיין אִיז. מִיר שַׁיינְט אַז דָער מֶענְשׁ הָאט אִין זַיין גַאנְצֶען לֶעבֶּען קֵיין אַנְדֶער גֶעשֶׁעפְט, וִוי נָאר זִיךְ צוּ פוּצֶען אוּן פְּרִיזִירֶען. הֶערר שְׁטוּצֶער, וואו זִינְד זִי דִיעזֶע נַאכְט גֶעשְׁלָאפֶען? אִיז אַייךְ מַיין הוֹיז אַנְגֶענֶעהם?

שטוצער: הֶערר וַואלְדְמַאן, אִיךְ זָאג אַייךְ אַלַא פַּארִיז, אַייעֶר טָאכְטֶער

האט מיך מיט א גלאז קאפע טראקטירט און זי איז מיר פארגעקומען ווי עווא זעלבסט.

וואלדמאן: מיין טאכטער איז נישט עווא, נאר גאנץ איינפאך קלארא וואלדמאן און נישט מעהר.

שטוצער: נו פערשטעהט זיך אז דאס גלאז קאפע האט געשמעקט ווי די טייערסטע אוי דעקאלאן נאר פון איין זאך בין איך געעהרגערט געווען.

וואלדמאן: מיין הערר, מיט מיין קאפע וואשט מען זיך דאך נישט דעם קאפ און ווידער וואס האט אייך געערגערט.

שטוצער: שטעלט אייך פאר הערר וואלדמאן, ווי איך בין פון צו הויזע ארויסגעפאהרען האב איך מיין דיענער נישט אמאל אנגעזאגט ער זאל נישט פערגעסען מיר איין פאמאדע מיטצונעהמען. און דער עזעל האט זי איבערגעלאזט דארט אויף דעם פענסטער. איך זאג אייך אז איך בין דערפון אומ מענש. אזא טייערע פאמאדע בעקומט מען נישט היער אין רוסלאנד. איך מוז זי דירעקט פון פאריז אוים בעציהען. אך ווי געעהרגערט איך בין דאריבער.

וואלדמאן: (אפארט) נו, ווי איך זעה ארוים וועל איך מוזען דעם פערפומיר־טען מענש אבשיקען צו זיינעם פאטער. לאז ער זיך דארט ווידער פערפומירען און שמוקען, שווערליך אויב ער וועט מיין טאכטער געפעלען, און נייטען וועל איך זי געווים נישט, הערר שטוצער. ווען איהר ווילט אזוי גוט זיין וועט איהר געהן זעהן ווי מיין טאכטער איז. זי איז דא געגאנגען מיט איהר לעהרער שפאציערען, און שיקט מיר דעם לעהרער אהער.

שטוצער: יא איך לויף, איך פליה, איך זאג אייך דעם אמת ה' וואלדמאן אז איך וואלט אוועקגעגעבען די טייערסטע פאמאדע פאר איין בליק פון איהרע טאכטער, יא איך פליה. (אב)

וואלדמאן: יא די ליעבע איז בלינד, איך וויים? אפשר וועט איהר געפעלען וועל איך זי אויך נישט אבשלאגען פון איהם. איך וועל איהר גליק

נישט שטערען, איך וועל בעטען דעם לעהרער ער זאל ביי איהר אויספארשען אויב איהר הערץ איז געניינגט פאר דעם שטוצער ווייל איך וויל וויסען יא צו ניין, אט קומט ער טאקע (אויפטריט הערמאן).

הערמאן: איהר ברויכט מיך הערר וואלדמאן?

וואלדמאן: יא, נאר פערצייהעט מיר איך האב אייך נישט צור ריכטיגען צייט אהער פערלאנגט. איך וועל אייך קורץ ערקלעהרען וואס איך וויל, עס איז מיר געסטערן איין ארטיקעל אנגעקומען פון אויסלאנד וועלכעס דארטען שוין זייט 20 יאהר פערפאסט איז, און איך ווידער האב איין עקסעמפלאר וואס איך אליין האב פערפאסט, יעצט וויל דער אויסלענדער איך זאל דעם נאמען פון מיינעם בוך אויסלעשען און זאל עס צוזאמענזעצען מיט דעם זיינינען, נו, וויל איך אייך פרעגען אלס קארעקטער פון מיינעם בוך ווי זי דאריבער מיינען ווערדען.

הערמאן: איך וועל אייך זאגען די וואהרהייט ה' וואלדמאן אז אין זאלכע זאכען בין איך וועניג בעקאנט, איך פערשטעה זעהר וועניג דאפאן.

וואלדמאן: עס טהוט מיר זעהר לייד, איך האב געמיינט אז איך האב די זאכע גוט קאנווינירט, אלזא קורץ און גוט ה' לעהרער, דער ה' שטוצער איז געקומען פון אויסלאנד און וויל מיט מיין טאכטער הייראטען.

הערמאן:ווירקליך?

וואלדמאן: דער יונגע מאן איז זעהר רייך, און ווייטער נארנישט, ער איז אויך, ער איז... קורץ ער געפעלט מיר נישט.

הערמאן: און אייער טאכטער, וואס זאגט זי?

וואלדמאן: איך האב שוין מיט איהר געשפראכען נאר איך קען פון איהר נישט ארוים, זי אנטווארטעט מיר אויף יעדען ווארט פאפא ווען דו וועסט הייסען און וואס דו וועסט הייסען און ווען דו וועסט הייסען, קורץ איך פערשטעה זי נישט, נו ה' לעהרער גלויבען זי מיר דאס איך זא פיעל פערשטאנד בעזיצע און וויים אז ביי אזא זאך העלפט נישט

קיין הייסען, ועהט איהר ווען ביי דעם יונגען מאן זאלען ליגען די געהיריגע אויף איין ארט נישט פערדרעהט וואלט איהר זעהר צופריעדען געווען פון דער פארטיע דען זיין פאטער איז מיין בעסטער פריינד, פאר מיר וואלט די פארטיע געווען ווי געווינשען.

הערמאן: נו, פרעג איך אייך אליין, צו וואס טויג שוין אזא מענש וואס האט נישט קיין קאפ און קיין הערץ?

וואלדמאן: איך וועל אייך גאנץ קורץ מיינע מיינונג איבער דער געשיכטע ערקלעהרען, ווען מיין טאכטער זאל שוין יעמאנדען ליעבען, זאג איך אייך, איך וואלט קיין ווארט גערעדט איך וואלט איהר גלייך מיין זעגען געגעבען, איך וואלט זי נאר געפרעגט אויב זי פיהלט זיך גליקליך מיט דעם מאן, און ווען זי אנטווארטעט יא, אזוי בין איך שוין צופריעדען, איך וויים דאך אבער אז קלארא האט נאך קיינעם נישט ליעב, דאדורך איז פון איהר שוועהרליך צו פערשטעהן צו וויל זי איהם צו נעהמען.

הערמאן: נו, וועט זי דען קיינמאל נישט ליעבען?

וואלדמאן. עס פערשטעהט זיך אז זי וועט ליעבען, און איך פערלאנג עס גאר נישט פון גאט אז מיין טאכטער זאל האבען אזא הערץ וואס זי זאל נישט וויסען וועמען צו ליעבען און וועמען צו האסען, נאר איך וויל פשוט יוצא זיין פאר מיר אליין, און דאן וויל איך נישט פערשעהמען מיין אלטען פריינד זיין פאטער, דען איך האב פון איהם א סך טובות געהאט. דערפאר וויל איך ה׳ לעהרער אז איהר זאלט מיט איהר איין געשפרעך אנקניפפען און זאלט איהר ערקלעהרען ווי אזוי א פרוי דארף זיין נאך דער האכציים צו איהר מאן און אז זי וועט שוין דאס אלעס פערשטעהן, צו זי וועט וועלען אלע פפליכטען פון דעם ה׳ שטוצער איבערנעהמען זאל אבער אייך זאגען ניין, אזוי האט איהר מיט איהר דאריבער שוין גאר נישט מעהר וואס צו רעדען, נו ה׳ לעהרער ווערדען זי מיר דאס טהון?

הערמאן: איך וועל מיט איהר דאריבער רעדען.

וואלדמאן: יא, יא, איך ביטע זי אויך דארום, זי וויסען דאך ה׳ לעהרער אז איך האב נאך א שווערען שטיין וואס פרעסט מיך אויף מיינעם הערצען, א פראפא וואס הערט זיך? האט איהר אייך גאר נישט ערקונדיגט וועגען מיינער געשיכטע?

הערמאן: איך זיך, איך פאו״ש מיט אלע קרעפטע, עס איז אבער אומזאנסט!

וואלדמאן: אך! גלויבט מיר ה׳ לעהרער אז דאס לאזט מיך א סך נעכט נישט שלאפען, מען בעגעהט אמאל אין דער יוגענד אזא פעהלער וואס מען וואלט שפעטער אויף דער עלטער א גאנץ פערמעגען אוועקגעגעבען אום דאס ערגערנים פאן הערצען ארויסצוטרייבען, נו אדרבה ה׳ לעהרער, איך מוז שוין געהן, פערגעסט נישט וואס איך האב אייך געבעטען, איך וויל געהן זעהן וואס אונזער גאסט טהוט, צו ער האט זיך שוין מיט פאמאדע די האר אויסגעשמיערט, און צו ער האט זיך שוין מיט פודער דאס פנים אבגעקאלעכט (אב).

הערמאן: אך שטארקער גאט! אין וואס פאר א שליחות איך מוז יעצט געהן, מען זאל מיר האטש נישט באלד אקעגען קומען, איך מוז מיך דערצו פארבערייטען דען גלייך אויף דער שטעלע איז מיר אונמעגליך דאפון צו רעדען, דען איך אליין בין אויך בלאס ווי די וואנד יא איך וועל מיר א קליינעם שפאציער מאכען דא אין וואלד אריין, און וועל גאט אין הערצען האלטען, דאן וועל איך רעדען מיט קלאראן אבער מיט איהר רעדען וועגען דעם מוז נאר דער לעהרער, און דאס לעבענדע הערץ מוז איך צו הויזע צוריקלאסען (אב).

(אויפטריט משה ציילט געלד).

משה: זאל איך מיט די עטליכע קאפיקעס שוין צוריקגעהן, איך זאל מיט דעם ביסעל צוריקגעהן זעהן ווי מיין מוטער שטארבט פאר מיינע אויגען ניין, איך וועל מיך בעסער געהן טרינקען, איך וועל גיבער אין

דער ערד אריין געהן איידער איך זאל אזוי צוריקגעהן צו מיין מוטער מיט דעם ביסעל געלד, אך, איך קען מיר גאר קיין ראטה שאפען, איך קען מעהר נישט געהן, מיינע פיס ווענען מיר שוועהר געווארען ווי בליי, אך אז איך טוה נאר א קוק אויף דעם שטרויענעם דאך, אז איך דערמאן מיך ווי מיינע מוטער ליידעט דארט, אך ווארום רייסען זיך מיינע אויגען אהין צו קוקען, ווען איך דען נישט דא די שענסטע בלומען? שמעקען דען נישט דא די פעלדער? ווען איך דען נישט ווי אלע בלעטאלעך פרייען זיך דא מיט מיר? און די שעהנע נאטור לאכט מיר ענטגעגען, און מיין בליק ציהט מיך נאר אהין צו דעם קליינעם שטיבאלע און עס פערדעקט אלע מיינע פריידען (צום געלד) אה איז דאס אייער צדקה מענשען? אט די צוואנציג קאפיקעס האט מיר געגעבען איין שטאלצער הער רייטענדיג אויף זיין פערד און זיין לאקאי איז איהם פון הונטען נאכגעפאהרען, און זיין ליבעריע איז געוועהן מיט גאלד געשטיקט, און די קאפיקע האט מיר געגעבען איינע נויבלע דאמע וועלכע איז פאן איהר וואגען אראבגעשטיגען אום די געגענד צו בעטראכטען און צו בעוואונדערן כדי זי זאל עס שפעטער אין איהר נאמען דרוקען לאסען דאמיט איהר נאמען זאל בעקאנט ווערען, ווען זאג איך איהר אין יענעם שטיבאלע נאר זי האט זיך גאר נישט געלאזט רעדען און איז העכסט בעגייסטערט געווארען, אה א שעהנע געגענד האט זי אויסגערעדט, זי איז צוריק אראבגעשפרינגען און איהר וואגען און איז אוועק. אט דעם גראשען האט מיר געגעבען א הער מיט א גראבען בויך און האט מיך דאבייא געשאלטען קעשענע גנב, מיסינגענער, פוילענצער, און האט אוועקגעווארפט זיין גאנצען ווערטה פון זיין שטיקעל צדקה, און דעם רובעל האט מיר געגעבען איין ארעמער בעטלער, נאך איידער איך האב ביי איהם געבעטען. ער האט זיך מיט מיר אויף דער העלפט צוטיילט מיט זיין גאנץ פערמעגען און האט מיר דאבייא געזאגט גאט זאל דיר העלפען מיין קינד, און דער פעפיק וועט אמאהל שטארק נילטען (פויזע) וואס

טהוט מען? וואס קען איך אבער פאר דעם געלד קויפען? קוים גענוג אויף א שטריק איך זאל מיך אויפהענגען, אה פאטער! פאטער! אויף דיר זאל פאלען מיין אנגסטשוויים, אויף דיין קאפ זאל פאלען דאס צו וואס די פערצווייפלונג וועט מיך יעצט ברענגען, אה, עס מעג דיך דארט ווי די ביזט דיינע געוויסען פלאגען אונד קוועהלען, אזוי ווי מיין ארעמע מוטער קוועהלט זיך דארט אונטער דעם שטרויענעם דאך אה עס געהן מענשען, איינע גאנצע געזעלשאפט און זינגען, אה די רייכע לייט אונטערהאלטען זיך גוט, איך וועל נאך אמאהל פרובירען בעטלען פיר מיין ארעמער קראנקער מוטער, אך גאט! לאמיך טרעפען ווייכע הערצער איך זאל קענען מיין מוטער דאמיט רעטען.

(אויפטריט שטוצער).

משה: גנעדיגער הער האט רחמנות איך בעט אייך שענקט מיר א נדבה.

שטוצער: וואס? הער נאר די יונגאטש, די ביזט א געפעהרליכער גנב, איין עזות פנים, די שעהמסט דיך גאר נישט צו בעטען, די האסט דאך א פאר פלייצעס ווי א ריז, איך קען וועטען אז די וואלסט געקענט דעם גרעסטען אקס אויף דיינע פלייצעס אוועקטראגען.

משה: אויב איהר ווילט אזוי גוט זיין וועל איך אויף אייך מאכען די ערשטע פראבע און אייך אוועקטראגען.

שטוצער: מען גיט גאר נישט אכטונג אויף די ליידיג געהערם און אויף די קעשענע גנבים.

משה: גאנץ ריכטיג אז מען גיט נישט אכטונג דען מען זאל אכטונג געבען וואלט מען בעדארפט דיך צו אלעם ערשט פאקען.

שטוצער: (בייז) שטיל די גנב וואר'ן איך היים דיך ארעטירען.

(אויפטריט וואלדמאן).

משה: גנעדיגער הער, האט רחמנות אויף איין אומגליקליכען זאהן וואס בעט פאר זיין קראנקער מוטער א נדבה.

וואלדמאן: (גיט איהם) עס וואלט אסאך גלייכער געוועהן יונגער מאן איהר זאלט ארבייטען פאר אייער קראנקער מוטער.

משה: אה גערנע וואלט איך געוואלט ארבייטען פאר מיין קראנקער מוטער, נאר היינט איז אזא צופאל וואס איך מוז בעטען פאר איהר. פערצייהעט מיר מיין הער, דאס וואס איהר האט מיר געגעבען איז צו וועניג, גיט מיר איך בעט אייך עפעס מעהר.

וואלדמאן: וואס עס איז צו וועניג?

משה: יא עס איז מיר צו וועניג!

וואלדמאן: וואס הייסט צו וועניג? איך וועל אייך מעהר נישט געבען.

משה: ווען איהר האט איין מענשענהערץ און איין עדלעס געפיהל אזוי בעט איך אייך גיט מיר חאטש א רובעל.

וואלדמאן: צום ערשטען מאהל אין מיינעם לעבען זאגט מיר א בעטלער א דעה וויעפיעל איך זאל איהם געבען.

משה: צום ערשטען מאהל אין מיינעם לעבען מיין הער בין איך א בעטלער, און מיט דעם איינעם רובעל קענט איהר רעטען א מענשען פון זיין גרעסטער פערצווייפלונג.

וואלדמאן: יונגער מאן איך מוז דיר זאגען אז די ביזט א משוגענער (וויל געהן).

משה: ווי נאט איז אייך ליעב מיין הער נאר איין רובעל, איין רובעל אום איינען מענשען דאס לעבען צו רעטען, האט רחמנות מיין הער און ערבארמט אייך, איהר האט אין אייער לעבען אזא מצוה נאך נישט געטהון.

וואלדמאן: איך האב נישט מעהר (לאזט זיך געהן משה דאנקט איהם).

משה: ניין איהר וועט נישט געהן, ענטוועדער א רובעל אדער דאס לעבען.

וואלדמאן: הילפע! הילפע!

(אויפטריט דינער).

משה: אך גאט! וואס האב איך געטהון.

וואלדמאן: נעמט און פיהרט איהם אוועק אין קרימינאל אריין און גיט אויף איהם גוט אבאכט, שפערט איהם דארט איין, איך קום באלד אהין.

משה: איך געה גערנע, נאר איין זאך בעט איך ביי אייך מיין הער, איך האב שוין מיין לעבען פערשפיעלט, מיט מיר קענט איהר מאכען וואס איהר ווילט, נאר מיין ארעמע קראנקע מוטער ליגט פערשמאכט דארט אין דארף אין א שטיבעל, שיקט אהין און איבערציינט אייך, איך וואהר איהרעטוועגען געצוואונגען דאס צו טהון, איך וועל פאר איהר מיין בלוט פערגיסען מיט דער גרעסטער פריידע.

וואלדמאן: פיהרט איהם אוועק אין קרימינאל ביי ברויט אין וואסער.

משה: פאר ברויט אין וואסער דאנק איך אייך שוין נאר גיט אכטונג אויף מיין מוטער איך בעט אייך דען זי וועט דארט אויסגעהן, אה פארשאלטען זאל מיין פאטער ווערען וואס האט מיר מיין לעבען געשענקט (אב).

וואלדמאן: ברוך, לויף נעך אין דארף אריין און זיך דארט אויף א קליין שטיבעל, דארט ליגט א קראנקע פרוי און גיב איהר דאס באטעלע געלד.

ברוך: זעהר גוט איך לויף שוין (אב).

וואלדמאן: איין זעלטענער פאל, דער יונגער מאן שיינט קיין גראבער מענש צו זיין, און ווען עס ווירקליך אזוי איז, דאס ער פיר זיינע קראנקע מוטער געבעטען האט, און איז בערייט זיין לעבען צו אפפערן, נו מיר וועלען זעהן, די זאכע מוז אונטערזוכט ווערען (אב(

(אויפטריט קלארא).

קלארא: אך די ליעבער גאט אין הימעל! פאר וואס איז מיין הערץ אזוי פערשטיינערט וואס איך זיך אלץ די איינזאמקייט? איך פערשטעה

נאר נישט פאר וואס רייסען זיך אזוי די טרערהרען פון מיינע אויגען. אה
ניין איך וועל נישט וויינען, איך וועל פרעהליך זיין, א דער לעהרער
געהט (אויפטריט הערמאן). א גוט וואס איהר זענט אנגעקומען ליעבער
הערמאן, אה פערציייהעט איך האב געוואלט זאגען ה' לעהרער.

הערמאן: עס מאכט נישט ליעבעס פריילין, איך הערע דאס גערן פון איהרען מונד.

כלארא: ווירקליך?

הערמאן: גאנץ געווים ליעבעס פריילין, אבער וואס איזט דאס, צי ווייזט מיר אזוי אוים? האט איהר ווירקליך געוויינט?

כלארא: יא אביסעל נאר אפאר טרעהרען.

הערמאן: אזוי טאקע טרעהרען? דארף איך פרעגען וועגען וואס די טרעהרען זענען געוועהן?

קלארא: איך וויים אליין נישט!

הערמאן: פילייכט האט איהר אייך דערמאנט אין אייער מוטער?

קלארא: עס קען זיין אז עס איז וועגען דעם, אבער...

הערמאן: אבער וואס? געווים א קליין געהיימניס? מעדלישע געהיימניסע, איך וועל מיר שוין אליין ערלויבען און פרעגען ווייטער. איהר וועט מיר געווים פערצייהען ליעבעס פריילין דאס איך גראדע נישט געקאמען אין דער געאייגנעטער צייט. איך בין אבער דארין נישט שולדיג אייער פאטער האט מיך צו אייך געשיקט.

קלארא: צו יעדער צייט זענט איהר מיר ווילקאמען.

הערמאן: ווירקליך? בין איך דאס קלארא?

כלארא: מיין פאטער זאגט מיר אז דער וואס מיין גייסט בילדעט איז מיין וואהלטהעטער זא גוט ווי דער וואס האט מיר מיין לעבען געשענקט, און מיין הערץ זאגט מיר דאס זעלבע.

הערמאן: מיינע אכט יעהריגע בעמיהונגען האבען זי מיר אין דיעזען אויגענבליק בעצאהלט.

כלארא: אכט יאהרע האב איך אייך אייער קאפ פערדרעהט, נו זאל איך אייך דאפיר נישט שעצען און ליעבען?

הערמאן: (אפארט) אך גאט! איך קום יעצט מיט איינען אויפטראג פון איהרען פאטער, ווען זי ערלויבען זעצען וויר אונס.

קלארא: מיט פערגניגען פארוואס נישט (זעצען זיך).

הערמאן: דער ה' מיכאל ליטוצער איז געקאמען צו אייך צו נאסט.

קלארא: יא איך וויים עס.

הערמאן: ווייסט איהר אויך וועגען וואס ער איז געקאמען?

כלארא: ער וויל מיט מיר חתונה האבען.

הערמאן: יא ער וויל, אבער גלויבען זי אז אייער פאטער וועט אייך נישט נייטען דערצו.

כלארא: דאס וויים איך אויך!

הערמאן: אייער פאטער האט מיך אבער געבעטען איך זאל אויספארשען אויב איהר האט לוסט מיט איהם חתונה צו האבען.

קלארא: איינע זאכע וואס איז מיר אונבעקאנט איז מיר גלייכגילטיג. די פפליכט פון א פרוי צו א מאן איז מיר נאך אונבעקאנט, איך קען זי נאך נישט.

הערמאן: טאקע דאריבער האט מיך אייער פאטער צו אייך געשיקט אום אייך צו ערקלעהרען די פפליכטען פון איינער פרוי צו איינען מאן, דאס הייסט די אנגענעהמע זייטע און די אונאנגענעהמע זייטע, אייך אלעם צו פערשטעהען צו געבען.

קלארא: צוערשט ערקלעהרט מיר די אונאנגענעהמע זייטע ווייל דאס גיטע ליעב איך אויף שפעטער צו בעהאלטען.

הערמאן: אוננאנגענעהמע? אה פריילין ווען צוויי גלייכע הערצער זיך צוזאמען טרעפען זא האט דאס פאמיליענלעבען קיינע אוננאנגענעהמע זייטע, דא וואנדלען א פאר גוטע מענשען האנד אין האנד. טרעפען זיי דערנער אויף זייער וועג ריימען זיי אזאלכע פערגניגטע אוועק, ווען זיי קומען צו צו איין וואסער אזוי טראגט דער שטארקער דעם שוואכען אריבער ווען זיי קומען צו איין בערג אזוי העלפט דער שטארקער דעם שוואכען, געדולד און ליעבע איז זייער וועג ווייזער, דאס וואס פאר איינעם איז אונמעגליך איז פאר דעם צווייטען א שפילעכיל קומט איין פריידע אזוי פרייהען זיי זיך צוזאמען עס טרעפט קיינמאהל נישט אז איינער זאל אומעדיג זיין ווען דער צווייטער איז פרעהליך. נאר א זיסער שמייכעל ליגט אויף זייערע ליפען, און טרעהרען ריגען פון זייערע אויגען ווען זיי פרייהען זיך, און די פריידע איז פיעל גרעסער, ווי געוועהנליכע מענשענס פריידע, דאגעגען אבער איז דער קוממער פיעל מילדער, דען ווען דער מענש האט מיט וועמען זיין פריידע צו טהיילען איז זיין פריידע גרעסער און דער שמערץ מילדער. אזוי ווערט זייער לעבען ווי איין שעהנער זאמערטאג געפיהרט. און אז אמאהל דער הימעל איבערדעקט זיי מיט שווארצע וואלקען, שטעהען זיי ארום און ארום צווישען בלומען וואס זיי האבען געפלאנצט אין דעם לאנגען טאג. אז די נאכט קומט ענדליך און לעגט זיך איינער שלאפען און דער איז דער גליקליכסטער. אזוי ווייגט דער צווייטער פארוואס ער קען נאך נישט שלאפען געהן, און דאס איז דאס איינציגע אוננאנגענעהמע פון דעם פאמיליענלעבען.

קלארא: אויב אזוי וועל איך חתונה האבען.

הערמאן: יעהר רעכט ליעבעס פריילין, דאס בילד איז יעהר רייצענד. וואס טהוט מען אבער נאט בעהיטע אז דאס אלעס איז פונקט קאפויער פון דעם וואס איך האב אייך דא געזאגט?

כלארא: נו וועל איך נישט חתונה האבען!

הערמאן: דאס איז גלייך ווי איינער זאגט. איך וויל נישט לעבען.

קלארא: יא איך וויל חתונה האבען ווייל איך וויל לעבען און איך ליעב.

הערמאן: ווירקליך? דעם הערן שטוצער?

קלארא: אה אוועק אוועק מיט דעם געפודערטען, נאר אייך ליעב איך (אומארמט איהם) איך ליעב נאר אייך.

הערמאן: אום גאטעס ווילען קלארא וואס רעד איהר?

קלארא: מיט אייך וועל איך חתונה האבען!

הערמאן: מיט מיר? מיט מיר?

קלארא: מיט אייך ליעבער הערמאן.

הערמאן: קלארא איהר פערגעסט אז...

כלארא: אז וואס פערגעס איך?

הערמאן: אז אייער פאמיליע איז גרויס און רייך.

כלארא: נו וואסזשע איז?

הערמאן: אך אום גאטעס ווילען עס קען נישט מעגליך זיין.

כלארא: ווען איך בין נאר טהייער ביי אייך מוז עס אזוי בלייבען, איהר האט דאך מיר אליין ערשט דאס פאמיליענלעבען אזוי רייצענד געשילדערט, וואס הייסט? בין איך נישט דאס מעדכען וואס איהר קענט מיט איהר האנד אין האנד געהן? מיט דער וואס איהר קענט פרייד און לייד טהיילען

הערמאן: אה ווען איך זאל נאר מעגען איז פאר מיר קיין אנדערע נישטא נאר איהר, ווען מיר זאלען לעבען אין די גאלדענע צייטען וואס אלעס אין דער וועלט איז גלייך, מיר וועלען עס אבער נישט קענען אנפיהרען און מיר וועלען עס נישט איבערמאכען, איהר מוזט חתונה האבען מיט איין מיליאנערס איין זאהן אדער מיט איין באנקערס איין זאהן, און נישט מיט איין ארעמען לעהרער. אך גאט! איך רעד שוין צו פיעל!

קלארא: און איך וועל אויף די אלע זאכען נישט קוקען און וועל חתונה האבען מיט איין עדעלמאן ווי איהר זענט.

הערמאן: אה ליעבעס פריילין, רופען זי איהרען פערשטאנד צו הילפע עס זינד פיעלע הינדערניסע די געגען אונזער בונד זינד... נור אין דיעזען מאמענט פאלט מיר גראדע קיין איינציגער איין.

קלארא: ווייל עס איז טאקע קיין איינציגער נישטא.

הערמאן: נו שטעלט אייך נאר פאר ווי אלע אייערע פריינדע וועלען זיך צולויפען פון אייך און וועלען זיך מיט אייך שעהמען, און אויך אייער פאטער, אלע וועלען זיך פון אייך וועקציהען און וועלען אייך האסען. אה פריילין וואלדמאן פארגעסט נישט וואס פאר א שריט איהר מאכט.

קלארא: אט גראדע דעם שריט זוך איך (לאכט).

הערמאן: איהר לאכט? עס איז אונמעגליך.

קלארא: ליעבער עדעל מאן פערצייהעט מיר אבט יאהרע ווענט איהר געוועהן מיין לעהרער, און וועהרענד דיעזע אכט יאהרע האט איהר מיך אזוי פיעל נישט געלערנט ווי אין דעם מאמענט אין דעם אונגענבליק.

הערמאן: עס טהוט מיר זעהר לייד און עס פערדריסט מיך אויך ווייל.

קלארא: און מיך פערדריסט עס זעהר ווייל...

הערמאן: ווייל?

קלארא: ווייל מיט אייך מוז איך חתונה האבען...

הערמאן: קיין מאהל נישט!

קלארא: נישט איז נישט, איהר קענט דאך מיך אז איך בין נישט בעז, און ווען איך זאל נאך טויזענט מאהל בעסער ווערען ווי איך בין וועל איך מיר די גרעסטע מיהע געבען אייך גליקליך צו מאכען, אבער ניין איך וועל עס טהון נאר אן א שום מיין, מיר וועלען האבען תענוג אין גרעסטען פערגניגען וועלען מיר לעבען ביז איינער פון אונז וועט שלאפען גיין. נו גענוג ניט אהער די האנד, אדער איהר ליעבט מיך נישט?

הערמאן: אה עס איז זעהר שעהן איין עהרליכער מאן צו זיין אבער זעהר שווער פריילין, פערגעסט נישט אז איך וועל מוזען פאר בושה

בעהאלטען מיין פנים פאר אייער פאטער, דען ווי אזוי וועל איך איהם קענען קוקען גלייך אין די אויגען ווען איך וועל דאס איהם דארפען זאגען?

קלארא: נישט איהר, איך וועל דאס איהם זאגען!

הערמאן: אה פאר דעם גיטס וואס ער האט מיט מיר געטהון אזוי פיעל יאהר זאל איך איהם זיין טאכטער פערפיהרען? אה ניין! אה גרויסער גאט! די זעהסט אלעס, שיטץ מיך אין דעם גרויסען קאמפף.

קלארא: אה עדעל מאן, עס איז נישט גלייך ווי איהר זאגט, און איך זאג אייך אז מיין פאטער וועט זיך טאקע אביסעל ערגערן, און דאך וועט ער זיך בערעכענען אז ס'איז גאר נישט אזוי קרים, געלד דארפען מיר נישט, דען מיר האבען גאטלויב גענוג און קיין פיינערן חתן פון אייך דארף איך אודאי נישט, און מיינע פריינדע וועלען מיך אויך נישט פערהאסען יעצט מוז איך אייך זאגען אז איך האב געוויינט און האב נישט פערשטאנען וואס איך וויין, יעצט פערשטעה איך שוין, זאגט יא! וועט איהר מיר א שטיין פון דעם הערצען אראבנעהמען וואס פרעסט מיך אזוי שטארק.

הערמאן: אה פריילין איהר ברענגט מיך פון זינען.

קלארא: ניין ניין מיין ליעבער, אוי איך זעה אונזער ברוך קומט.

(אויפטריט ברוך).

ברוך: מזל טוב ר' פריילין, מזל טוב אייך ר' הערמאן, איך וועהר שיער משוגע. איך וועהר שיער פעריקט האפט מיך דער רוח אויב איך וועל מיך היינט נישט אנשכור'ן ביז צום טוידט.

פיידע: וואס איז מיט דיר אזוינס ברוך?

ברוך: פרעגט מיך נישט איבער, איך שטארב פאר שמחה, איהר וועהט דען נישט ווי מיין קאפ דרעהט זיך, און מיינע הענד פאטשען, אין מיינע פיס טאנצען.

כלאַרא: זאָג שוין וואָס איז מיט דיר אַזוינס די שׂמחה?

ברוך: אויף מײַנע הענד האָב איך איהם אויפגעצויגען. איך בּין שוין בײַ אײַער פאָטער פיערציג יאָהר און האַנט האָב איך געהאַט דאָס גליק איהם פון דעם טויט צו ראַטעװען.

בײדע: װעמען?

ברוך: אַ גזלן איז אָנגעפאַלען אײַער פאָטער אַ גליק איז געװעהן וואָס מיר זענען אַלע אויף דעם אָנגעקומען. האָט מען דעם גזלן באַלד געבּונדען און װען מען האָט איהם געפיהרט האָב איך געהאַלטען אין אײן שרײַען.

כלאַרא: װי? וואָס? װער? װעמען?

ברוך: אַט פיהרט מען איהם דאָרט איהר זעהט? איך מוז לויפען אַקעגען און זיך מיט איהם רײַצען (אַב).

כלאַרא: איך האָב נאָך קײן מאָהל נישט געזעהן קײן גזלן קומט מיר װעלען צוגעהן נעהנטער, אָבער זעהט נאָר די פיגור, אײן אינטערעסאַנטער מענש, דער מענש װײַזט אויס צו האָבען אַ פײַנעם כאַראַקטער זעהט נאָר זײַן עדלען בּליק, קוקט װי ער געהט אַזוי דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען, אָה נײַן נײַן דער איז קײן גזלן, שאַ אַט קומט דער פאָטער װעלען מיר שוין װיסען.

(אויפטריט װאַלדמאַן).

אַ וואָס מאַכסטו ליעבער פאָטער? וואָס האָט ברוך דאָ אָנגעפּלוידערט?

װאַלדמאַן: גאָר נישט מײַן ליעבעס קינד.

כלאַרא: אַזוי איז דאָס ריכטיג וואָס דער אַלטער האָט דאָ געזאָגט אַז דער יונגער מאַן מיט אַזאַ עדעל געזיכט איז אַ גזלן?

װאַלדמאַן: יאָ ער איז, נאָר מען קען רעכענען אַז דאָס איז בײַ איהם געװעזען דאָס ערשטע מאָהל און אויך דאָס לעצטע מאָהל. ה׳ לעהרער איך זאָג אײַך אַז דאָס איז געװעזען אײן װעלטענער פאַל. דער יונגער מאַן בּעטעלט פיר זײַנע קראַנקע מוטער, איך האָב איהם געגעבען אַ פּאָר קאָפּיקעס, איך װאָלט איהם אויך מעהר געװעהן געקענט געבען

נאָר איהר װײסט דאָך אַז דער מענש געהט נאָך זײַנע פערגניגונגען פאַרגעסט ער אָן די צרות פון דעם צװײטען. ער האָט געװאָלט איך זאָל איהם מעהר געבען און איך האָב מיך אומגעקעהרט און געװאָלט אַװעקגעהן, איז ער צו מיר צוגעלאָפען און האָט אַרויסגעכאַפּט זײַן װעבּעל, נאָר איך זאָג אײַך אַז ער איז נישט קײן גזלן פון פּראָפעסיאָן.

קלאַרא: געװיס נישט!

װאַלדמאַן: הענד און פיס האָבען אונטער איהם געציטערט װעהרענד ער האָט מיך בײַ דער ברוסט געפּאַקט, אַ קינד װאָלט איהם געקענט אומװאַרפען מיך ערגערט וואָס איך האָב איהם נישט געלאָזט לויפען, דער שפּאַס קען איהם זײַן לעבען קאָסטען, און איך װאָלט געקענט מיט אײן רובּעל אויסקויפען דאָס לעבען פון אַ מענשען, קומט מײַנע ליעבע קינדער מיר זענען דאָך קײנע מערדער לאָמיר זיך אײן עצה האַלטען װי אַזוי דעם יונגען מאַן צו בּעפרײַען, װאָרין אַז ער װעט נאָר אַרײַנפאַלען אין די הענד פון דעם געריכט אַזוי װעט איהם שוין זײַן שװער צו ראַטעװען (ער לאָזט זיך געהן).

קלאַרא: ליעבער פאָטער, איך האָב דאָ מיט דעם ה׳ לעהרער װעהר פיעל גערעדט פון...

װאַלדמאַן: עס פרײט מיך זעהר, שפּעטער מײַן קינד װעלען מיר דעריבּער רעדען, יעצט האָב איך קײנע צײַט (ער לאָזט זיך געהן).

קלאַרא: בּלײַב נאָך דאָ ליעבער פאָטער אַ ביסעל, איך האָב מיט דיר זעהר װיכטיגעס צו רעדען.

װאַלדמאַן: װיכטיגעס? די װילסט אַוודאי איך זאָל דיר קויפען אַ נײַעם פעבער (אַב).

כלאַרא: יאָ ער האָט באַלד געטראָפען, װאָרין װי איך האָב געװאָלט מיט איהם אָנפאַנגען צו רעדען דערפון איז מיר װאַרם געװאָרען. אָבער אַזוי װאַרם אַז אַ שװײס האָט מיך באַדעקט. נאָר איך װעל איהם שוין געפינען, יעצט איז די בעסטע צײַט מיט איהם צו רעדען דערפון.

(אויפטריט ברוך).

ברוך: קומט פריילין וועט איהר זעהן ווי מען האט דעם נזלן אריינגע-וואָרפען אין אָסטראג, ער וועט שוין האבען א שווארצען סוף.

קלארא: אה, איך מוז געהן זעהן אז מען זאל איהם קיין שלעכטעס טהון (קלארא, הערמאן אב).

פערוואנדלונג

(מען פיהרט משה׳לען ארעטירען).

ענדע דעם צווייטען אקט.

דריטער אקט.

(משה׳לע אין קערקער).

קאהר: שטיל געוואנד ווי טינער,
זינד די ציגיינער,
יא די ציגיינער.
} ביסס

משה: אין דער ווינטערסצייט
זעהט מען ווי עס שטעהט א בלימאלע אליין
עלענד ווי א שטיין.
איהר וועט עס נישט ערקענען
ווייל ווייט פון דעם זענען די פייגעלעך פערפלויגען
גאנץ ווייט אוועקגעצויגען יעצט שטעהט עס פערלאזען
אין קיינער קוקט זיך נישט אום און מיט דעם שנעע דעם בלאסען.
וויקעלט עס זיך ארום ווי איז דער גרינע שאל (ביס)
ווי איז די נאכטיגאל (ביס).

קאהר: שטיל געוואנט ווי טינער א. ז. וו. (ביס).

משה: אך! ווי נור צוויי שלעכטע בליקען פון א מענשען קענען דאס נאנצענגליק פערשלינגען, ערשט מיט איין טאג צוריק דאס הייסט געכטען ווען איך בין פון דער קרעטשמע ארויסגעגאנגען די זון איז מיר פריש אויפגעגאנגען, און ווי זיס האב איך מיר מיין ליעד געזונגען, אך ווי גליקליך און פרעהליך בין איך מיר געוועזען, דער תענוג, דער נחת,

מיינע געדאנקען זענען מיר געפלויגען. איך בין מיר געזעסען רוהיג ביי דעם טיש. און גליקליך געוועהן מיט דעם געדאנק אז באלד וועל איך זעהן מיין מוטער איך האב מיר אזוי פארגעשטעלט אין מיין פאנטאזיע, אז איך וועל מיר אזוי שטיל אריינגעהן אין דעם געסיל ווי מיין מוטער איז געזעסען, און איך וועל מיך אזוי פאוואלע שארען ביי די ווענט כדי זי זאל מיך נישט זעהן דורך די פענסטער. און אזוי וועל איך צוקימען צו דער טהיר און גאנץ שטיל אנקלאפען, עס האט זיך מיר אזוי פארגעשטעלט ווי זי לעגט אוועק דאס געניי אין א זייט, און אט הער איך ווי זי געהט מיר עפענען, און איך פאל אריין אין טוה א געשריי מוטער ליעבע מוטער! אך פארט געזונד איהר שעהנע לופט שלעסער, אדיע איהר שעהנע פאנטאזיען, יא מיט דעם געדאנק געה איך מיר אזוי און טרעף די ערשטע באגעגעניש מיין ליעבע מוטער אין אזא ביטערער לאגע, די ערשטע אויפנאהמע מיינע אין געפענגנים, אין צו שטעהן אין געריכט אויף דער אנקלאגעבאנק ווי א מערדער, אה, גערעכטער גאט אין הימעל! האב איך מיין שיקזאל פערדיענט? אדער ליידעט דער זאהן פאר זיינעם פאטער? יא שטיל גענוג. איך בלאנדזשע שוין ארום אין מיינע געדאנקען, יא מען מוז דולדען מען מוז שווייגען, דען אזוי האט מיך מיין מוטער געלערנט, אה שטארקער גאט! די ביזט גערעכט מן הסתם דארף אזוי צו זיין.

(אויפטריט קלארא).

קלארא: פערצייהעט מיין הערר וואס איך שטער אייך, איך האב אייך געבראכט א פלאש וויין איהר זאלט אייער הערץ דערקוויקען. פיליייכט זענט איהר הונגעריג?

משה: אך ניין ניין איך בין ווערער הונגעריג נאך דארשטיג.

קלארא: איך האב אייך געבראכט אלטען ויין גוטען און עטוואס צו עסען.

משה: אלטען וויין ווירקליך גוטען אלטען וויין?

קלארא: איך פערשטעה מיך דארויף זעהר וועניג נאר מיין פאטער זאגט אז דאס איז אלטער גוטער וויין.

משה: אה איך דאנק אייך עדלעס הערץ, איהר האט מיר מיט דעם וויין א גוטען פרעזענט געמאכט. נו געשווינד גיט איהם אהער געשווינד

(ער חאפט די פלאש).

קלארא: אה ער מוז זיין א גוטער שכור.

משה: טהייערע נשמה, עדלעס קינד, ליעבעס פריילין, שיקט איך בעט אייך דעם וויין אט דא נישט ווייט אין דארף אריין, נעבען דער גרויסער קרעטשמע שטעהט א קליין שטיבאלע דארט וועט איהר א קראנקע פרוי געפינען א קראנקע פערשמאכטע פרוי. אה גיך גיט איהר דעם וויין אויב זי לעבט נאך.

קלארא: אך גאט איך האב א מעות געהאט ער איז נישט קיין שכור. ער איז א פיינער טרייער זאהן צו זיין מוטער.

משה: אך גאט! איך בעט דיך אז מיין מוטער זאל בעקומען א רפואה אין דעם וויין, אך פארוואס קען איך איהר אליין דעם וויין נישט אבטראגען נו גיך גיך איך בעט אייך טהייער קינד, איך בעט איך רעטעט גיך מיין מוטער, אפשר וועט איהר אונזער רעטענדער ענגעל זיין.

קלארא: אה גוטער מענש איהר זענט נישט קיין גזלן.

משה: גאט זיי דאנק אז אזא טהייערע ווי איהר נעמט זיך פאר מיר אן.

קלארא: איך וועל אליין געהן אייער מוטער א פלאש אלטען וויין אבטראגען נאר די פלאש וויין בעהאלט פאר אייך.

משה: איך דאנק אייך פיעל טויזענד מאל, נאר נאך איין ווארט ערלויבט מיר צו פרעגען, ווער זענט איהר שעהנעס פריילין איך זאל חאטש וויסען פאר וועמען גאט צו בעטען.

קלארא: מיין פאטער הייסט פערדינאנד וואלדמאן אין דאס שטעטיל נעהער צו איהם.

משה: גערעכטער גאט!

קלארא: וואס איז אייך גוטער מענש?

משה: דעם מאן וואס איך האב געוואלט היינט דערשלאגען.

קלארא: יא דער מענש איז מיין פאטער.

משה: מיין פאטער?

קלארא: אך איך מוז אוועקגעהן פון דאנען איך האב מורא פאר איהם, נאט אין הימעל וואס איז מיט דעם מענשען. (אב)

משה: אזוי איז דאס געוועהן מיין פאטער דער רייכער מאן? אך גאט גערעכטער די שטראפסט נישט אומזיסט, דער מאן וואס איך האב געצוינגען דעם וועבעל נעגען איהם איז געוועזען מיין פאטער און נאך איין אוינגענבליק וואלט איך געוועזען איין פאטער מערדער, אהה א שוידער נעהט מיר איבער מיין לייב, עס שטעכען מיך די האר אין מיין קאפ, עס ווערט מיר פינסטער אין מיינע אויגען און עס ווערט מיר לעכטיג אלערליי פארבען שווינדלען מיר דורך די אויגען, וואס וואלט געוועהן ווען איך זאל געוועהן מיין פאטער ערמארדען, אך, גערעכטער גאט! אזוי ווי די פיהרסט אזוי איז רעכט, וואלט דען דאס נישט געוועהן בעשטימט פון דיר אליין אז דער זאהן זאל אליין ראכע נעהמען אן זיין פאטער פאר זיין בעליידיגטער מוטער! יא אבער דאס מערדען וואס איז פון מיר נאר וואס אוועקגעגאנגען, וואס פאר א זים געפיהל קלאפט אין מיין הערץ, זי איז מיין שוועסטער? שטארקער גאט! נאר ווער זאל זיין דער פוסטער פריינד וואס איז מיט מיין פאטער געגאנגען, אך ווער ווייסט אויב דאס איז נישט מיינער א ברודער? און ער איז אזוי פערצערטילט געווארען און ווייסט נישט אז זיין ברודער איז הונגעריג, און מיין מוטער ליגט אויפ'ן טוידטען בעט אך גאט!

(אויפטריט הערמאן).

הערמאן: איך ווינש אייך גליק מיין פריינד.

משה: מען דערקענט אין אייך ליעבער פריינד אז איהר ענט געקומען ואגען א גוטע בשורה, נו זייט זשע מיר ווילקאמען.

הערמאן: יא מיין פריינד איך בין געקומען אייך גליק ווינשען און רוהע בריינגען, איך בין נישט געקומען אייך מוסר זאגען ווייל דא דארפען די איינגענע געוויסען פון דעם מענשען מעהר ווירקען פון מוסר זאגען צו מוסר הערען.

משה: יא ליעבער הערר, איהר האט פאלקאמען רעכט, גלויבט מיר אז איך וועל מיין הערץ נישט פערביטען אויף דעם הערץ פון דעם פראסטען מענשען, ניין ניין, מיין הערץ איז נישט פערדארבען און דאך רעכען איך די הייטיגע בעגעבענהייט נישט פאר קיין זינד, א שאדע וואס איך קען אייך מיינע געדאנקען נישט ארויסגעבען, איך פיהל עס נאר אין מיר, איך בעט אייך מיין הערר זאגט מיר וואס איז דא געוועזען מיין פערברעכען, איך האב רויבען געוואלט? פערזעצט איהר אייך נאר אין מיין לאגע איינען אוינגענבליק, האבען זי עלטערן?

הערמאן: נאך אלס קינד בין איך א יתום געבליבען.

משה: אזוי? א שאדע א שאדע, איהר וועט דאס נישט קענען אורטיילען און נישט פערשטעהן, נאר אבער צו בעדענקען אז מען זעהט עס ליגען דא פעלדער דא וועלדער, אלדים גיטס פון דער וועלט, דא אונטערהאלט מען זיך, דא ברעכט מען פלעשער שאמפאניער, וועהרענד איין ארמער זאהן שטעהט ביי זיינער קראנקען מוטער און זעהט ווי די כחות גיהן איהר אוים ווייל זי האט שוין פינף טאג נישט גענעסען, און גראדע דאמאלס נעהט דורך איין וואהלהאבענדער מענש און וויל נישט דעם פערצווייפעלטען זאהן מיט איין רובעל העלפען, אהנע צו וועלען שטרעקט דער פערצווייפעלטער די הענד אוים אום צו ערהאלטען דאס וואס די נאטור האט אלע קינדער גלייך געשענקט, יענער רויבט נישט און האט אויך א רעכט דערמיט.

הערמאן: אה ניין מיין פריינד, ווען אלע זאלען זיין מיט דער מיינונג וואס איהר וואלטען אלע בעדארפט זיצען ווי די ארץ ישראל יודען אוןווארטען אויף די ארץ ישראל פישקעס.

משה: מעגליך ועהר מעגליך, נאר דאס מוז איך אייך זאגען אז אונטער די ארץ ישראל יודען וואלט מען געוויס נישט געלאזט מיין מוטער שטארבען אויף דער גאס.

הערמאן: ווי איך זעה יונגער מאן האט איהר איינע גוטע ערציהונג גע־האבט און שיינט נישט קיין גראב יונגעל צו זיין זאגט מיר.

משה: דאס וועלען מיר לאזען אין א זייט, דאס האב איך מיין מוטער צו פערדאנקען, און טאקע דאדורך פלאגען מיך נישט מיינע געוויסען, דען וועלבער זאהן וואלט נישט דאס לעבען געשטרעקט פאר אזא מוטער וואס האט געהארעוועט מיט שוויים אלע איהרע יאהרען אום איהר קינד צו ערנעהרען, און וואס מיט דעם מארד האט געוואלט געשעהן דאס וועל איך אייך איבערצייגען אז דאס האט געוואלט זיין איין פינגער גאטעס.

הערמאן: איך פערשטעה אז עס איז ווערט די מיה אייך נעהנטער צו קענען, איך וועל אייך בעטען איינינע וואכען ביי מיר צו בלייבען, עס וויד מיר זעהר אנגענעהם זיין זיך מיט אייך צו צערשטרייען, און אייער מוטער וועל איך אויך צו מיר אין הויז אריין נעהמען.

משה: אה פאר מיין מוטער וועל איך אייך שטענדיג דאנקבאר זיין, און וואס מיך אנבעטריפט ווייסט איהר דאך אז איך בין איין פער־ברעכער וואס ערווארטעט זיין טאדעסאורטייל.

הערמאן: אה ניין מיין פריינד, איהר דארפט וויסען אז איהר זענט אריינ־געפאלען צו איין בראווען מאן אין די הענד אריין, און ער האלט דאס פאר א גרויסער עהרע די ליעבע צו אייער מוטער, און ער בעדויערט זעהר אייער ביטערע לאגע, און די גאנצע געשיכטע וואס האט היינט פאסירט פערציהעט ער אייך פון דעם גאנצען הערצען און איהר זענט פריי, ער האט מיך אהער געשיקט אייך אייער פרייהייט צו מעלדען, און ווי איין פאטער ווינשט ער אייך גליק צו אייער בעפרייאונג.

משה: ווי הייסט דער גראסארטיגער מאן?

הערמאן: ער הייסט וואלדמאן!

משה: וואלדמאן? איז עס נישט דערזעלבער וואלדמאן וואס איז אין פראנקרייך געוועסען?

הערמאז: ריכטיג, און אזוי ווי זיין פרוי איז איהם אבגעשטארבען איז ער געקומען אהער אויף זיינע ניטער וואס זענען איהם צוריקגעבליבען פאן זיינעם פאטער.

משה: אזוי זיין פרוי איז איהם געשטארבען? און דאס מעדכען וואס איז דא פריער געוועזן איז זיין טאכטער?

הערמאן: פריילין קלארא? יא זי איז זיינע טאכטער!

משה: און דער יונגער געפודערטער פריינד איז זיין זאהן?

הערמאן: ניין קיין זאהן האט ער נישט.

משה: אזוי? זיין פרוי איז געשטארבען און קיין זאהן האט ער נישט (האסטיג) יא ער האט איינעם... איך מיין דעם וואס איז מיט אייך גע־גאנגען שפאצירען.

הערמאן: דער איז נישט זיין זאהן.

משה: הערט אוים מיין פריינד, איך וויל אייך עטוואס בעטען פיהרט מיך צו דעם הערן וואלדמאן, און פערשאפט מיר דארט איינע געלעגענהייט ווען איהר קענט איך זאל מיט איהם אונטער פיער אויגען שפרעכען קענען, איך וויל איהם דאנקען פאר זיין גראסמוטהיגקייט. נאר קיין פרעמדער מענש זאל דאביי נישט זיין ווייל איך וועל נישט קענע רעדען.

הערמאן: גוט קומט מיט מיר (ביידע אב)

פערוואנדלונג

(אויפטריט קלארא, וואלדמאן, שטוצער).

וואלדמאן: ניין, ניין מיין קינד, פארנאכט אז עס וועט ווערען אביסאלע קיהלער וועלען מיר מאכען אהין א קליינעם שפאציער.

קלארא: אה פאטער א מצוה צו טהון איז דאך זעהר שעהן, נו פארוואסזשע דארף מען דורך איין בעדיענטען מאכען? און ווען דער מענש טהוט גיטס דארף ער דאמיט זיין פרעהליך, און מיר דאכט אז ווען מען וויל זיך א פריידע פערשאפען דארף מען זיך נישט אזוי גרוים האלטען וואר'ן ווער איז דען שטאלצער פון דער פריידע אליין.

וואלדמאן: ווער רעד דען דא פון שטאלץ צו פון גרוים האלטען זיך? די ווייסטדאך אז פאר אזעלכע זאכען קען איך בייז ווערען, איך זאג דאך דיר אז איך האב שוין אהין געשיקט, און מען האט מיר געבראכט א ידיעה פון דער פרוי אז עס געהט איהר שוין בעסער. פארנאכט וועלען מיר אלע מאכען אין דארף אריין א שפאציער, שטוצער וועט אויך מיט אונז מיטגעהן.

קלארא: אז די זאגסט אזוי לאז זיין אזוי.

וואלדמאן: איהר וועט דאך דערפון האבען א פריידע מיט אונז מיט צוגעהן.

שטוצער: אה איינע בעגלייטונג דעם פריילין קלארא וועל איך נישט נאר געהן, נאר שפרינגען פליהען. נאר גאט ווייסט וואס פאר א קראנקהייט די פרוי האט דארט, פיליכט זא איינע וועלכע איז געפעהרליך פאר דעם צווייטען.

וואלדמאן: זאגט מיר הער שטוצער, וואס האלט איהר איטער דאס פלעשאלע ביי דער נאז? איך זאג אייך די וואהרהייט זייט איהר ווענט דא צו גאסט שמעקט אין א יעדען ווינקאלע אזוי ווי אין איין אפאטעק.

שטוצער: פארדאן ה' וואלדמאן, זי ווערדען דאך צוגעבען אז ביי אייך אין די צימער איז די לופט נישט ריין, און ווען איך זאל נאך דאס פלעשאלע פארפום נישט האבען ביי זיך, ווייס איך נישט ווי איך וואלט אויסהאלטען, איך זאג אייך די וואהרהייט אז איך וועל מוזען מיינע קליידער ליפטערן א גאנצען מאנאט, יא איך מוז געהן אין גארטען אריין אביסעל פרישע לופט געניסען (אב).

וואלדמאן: בראווא יונגערמאן איך האב געפונען א מיטעל ווי אזוי זיינער פטור צו ווערען.

קלארא: מיט דעם מענש וואלט איך קיינמאל נישט חתונה געהאט.

וואלדמאן: איך וויל איהם פאר קיין איידעם נישט האבען.

קלארא: איך קען איהם נאר נישט ליידען.

וואלדמאן: און איך קען איהם אויך נישט ליידען

קלארא: מערקווירדיג די ליעבע קומט נאר אומגעפרעגט.

וואלדמאן: יא מיין קינד אזוי איז די ליעבע.

קלארא: מען ווייסט נאר נישט פארוואס איינעם ליעבט מען, איינעם האסט מען.

וואלדמאן: יא יא מיין טאכטער אזוי איז עס.

קלארא: עס טרעפט זיך אז דעם וואס מען ליעבט איז ווערט מען זאל איהם ליעבען און דעם וואס מען האסט איז ווערט מען זאל איהם האסען.

וואלדמאן: פארשטעהט זיך אז עס איז אזוי.

קלארא: א שטיינער אזוי ווי מען קען נישט ליידען דעם ה' שטוצער.

וואלדמאן: גַאנְץ גֶערֶעכְט!

קלארא: אוּן וִוי אַנְגֶענֶעהם אִיז מִיר אוּנְזֶער לֶעהְרֶער.

וואלדמאן: דָא הָאסְט אוֹיךְ רֶעכְט!

קלארא: פָאטֶער פַאר וָואס הָאט שׁוֹין אוּנְזֶער לֶעהְרֶער נִישְׁט חֲתוּנָה?

וואלדמאן: יָא מֵיין קִינְד דָאס מוּזְטוּ אִיהם אַלֵיין פְרֶעגֶען.

קלארא: עֶר אִיז מִיר אַזוֹי גֶעטְרַייא.

וואלדמאן: עֶס טְהוּט מִיר אַ הֲנָאָה.

קלארא: אִיךְ בִּין אָבֶער צוּ אִיהם זֶעהר גוּט.

וואלדמאן: פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִיהם דֶען שֶׁלֶעכְט זַיין?

קלארא: אִיךְ מֵיין פָאטֶער וֶוען דִי זָאלְסְט אִיהם פָארְשְׁלָאגֶען עֶר זָאל מִיט מִיר חֲתוּנָה הָאבֶּען וָואלְט עֶר צוּפְרִידֶען גֶעוֶועןּ. אַיָא פָאטֶער?

וואלדמאן: אִיךְ מֵיין אוֹיךְ אַז עֶר וָואלְט צוּפְרִידֶען גֶעוֶוען.

קלארא: וֶועהְסְטוּ לִיעבֶּער פָאטֶער דָאס וָואלְט אִיךְ דִיךְ בַּאלְד גֶעפָאלְגְט.

וואלדמאן: דִי מֵיינְסְט עֶס עֶרְנְסְט?

קלארא: יָא פָאטֶער גַאנְץ עֶרְנְסְט!

וואלדמאן: נָא נָא מִיר וֶועלֶען שׁוֹין זֶעהְן.

קלארא: דִי מֵיינְסְט עֶס פָאטֶער אִין עֶרְנְסְט?

וואלדמאן: נֵיין קְלַארָא אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט עֶרְנְסְט.

קלארא: נֵיין?

וואלדמאן: נֵיין קְלַארָא דָאס דַארְף אִין אוּנְזֶער פַאמִילְיֶע נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן. אוּן דֶער לֶעהְרֶער אַלֵיין וֶועט אוֹיךְ אֵיינְזֶעהְן אַז עֶס קֶען אַזוֹי נִישְׁט זַיין.

קלארא: דִי אַלֵיין בִּיזְטדָאךְ זַיין וָואהלְטְהֶעטֶער.

וואלדמאן: טַאקֶע דֶערְפַאר דַארְף עֶר מִיט מִיר הַאלְטֶען.

קלארא: מִיר דַאכְט אַז עֶס וָואלְט פוּן זַיינֶער זַייטֶע זֶעהר פֵיין גֶעוֶועןּ גְלִיקְלִיךְ צוּ מַאכֶען דִי טָאכְטֶער פוּן זַיין וָואהלְטְהֶעטֶער.

וואלדמאן: וֶוען דִי טָאכְטֶער אִיז אָבֶער נָאךְ אַ קִינְד? הַיינְט וִויל זִי דָאס קוֹיפֶען אוּן מָארְגֶען שְׁלַיידֶערְט זִי עֶס אַוֶועק אוּן וִויל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ?

קלארא: אַזַא קִינְד פָאטֶער בִּין אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט.

וואלדמאן: קְלַארַא בֶּערֶעכְ'ן דִיךְ נָאר גוּט, דִי דַארְפְסְט זוּכֶען אַזַא חָתָן עֶר זָאל זַיין אִין דַיין שְׁטַאנְד וֶועהְסְטוּ אַז דִי וֶועסְט נִישְׁט גֶעפִינֶען וֶועסְטוּ דִיר חֲתוּנָה הָאבֶען מִיט דֶעם לֶעהְרֶער, נָאר אִיךְ מֵיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ נָאךְ אָבְּזוּכֶען אַ חָתָן אִין דַיינֶעם שְׁטַאנְד פוּן דַיינֶעט וֶועגֶען זָארְג נִישְׁט מֵיין קִינְד עֶס וֶועט זִיךְ שׁוֹין גֶעפִינֶען.

קלארא: אָה נֵיין, דָאס וָואס מִיר וֶועלֶען גֶעפִינֶען וֶועל אִיךְ דָאךְ עֶרְשְׁט דַארְפֶען קֶענֶען לֶערְנֶען אִין דֶעם לֶעהְרֶער קֶען אִיךְ שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט, זַיין הַערְץ לִיגְט פַאר מִיר אָפֶען קְלָאר וִוי דֶער טָאג.

וואלדמאן: דִי הָאסְט נָאךְ נִישְׁט גֶעלִיעבְּט קְלַארַא, דֶער לֶעהְרֶער הָאט דִיךְ נָאר עֶרְצָאגֶען, אוּן דִי נֶעמְסְט דִי דַאנְקְבַּארְקֵייט פַאר לִיעבֶּע אָן.

קלארא: פָאטֶער, דִי הָאסְט מִיר שׁוֹין פִיעלֶע מָאל גֶעגֶעבֶּען צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען, אוּן דִי אַלֶע זִיטֶען פִינְדֶע אִיךְ אִין דֶעם לֶעהְרֶער.

וואלדמאן: וִוירְקְלִיךְ? נָאךְ מֶעהר וִוי גֶעוִוינְשֶׁען!

קלארא: פָאטֶער, אִיךְ לִיעבּ אִיהם אוּן וֶוער אוֹיךְ פוּן אִיהם גֶעלִיעבְּט.

וואלדמאן: דִי וֶוערְסְט אוֹיךְ פוּן אִיהם גֶעלִיעבְּט? הָאט עֶר דִיר דָאס גֶעזָאגְט?

קלארא: יָא!

וואלדמאן: פֶע דָאס אִיז נִישְׁט שֶׁעהְן פוּן זַיינֶער זַייטֶע

קלארא: דִי זָאלְסְט גֶעוֶוען זֶעהְן פָאטֶער וִוי אִיךְ הָאבּ אִיהם אִיבֶּערַאשְׁט וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדֶען מִיט מִיר וֶועגֶען הֶערְץ שְׁטוּצֶער, אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעזָאגְט אַז נָאר מִיט אִיהם וִויל אִיךְ חֲתוּנָה הָאבֶּען.

וואלדמאן: זֶעהר אַיין פֶעהלֶער פוּן דִיר, אוּן וָואס הָאט עֶר דִיר גֶע-ענְטְוָוארְטֶעט?

קלארא: וַויים אִיךְ, עֶפֶּעס הָאט עֶר גֶעפְּלוֹידֶערְט פוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסֶען שְׁטַאנְד, פַאמִילְיֶע, פֶעטֶערְס, מִיהמֶעס, קוּרְץ עֶר הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט אָבְּרָאטֶען דֶערְפוּן.

וואלדמאן: דאס איז פון איהם זעהר בראוו געווען און איך רעכען או מיט מיר וועט ער גאר נישט רעדען דערפון איא?

קלארא: יא ער האט טאקע געזאגט או דאס איז איהם אונמעגליך.

וואלדמאן: דעסטא בעסער ער זאל אויך נישט רעדען.

קלארא: איך האב איהם אבער פערזיכערט או איך וועל דערפון רעדען.

וואלדמאן: דעסטא שלימער, די וועסט מיך אין פערלעגענהייט ברענגען.

קלארא: און איך האב עס שוין געטהון.

וואלדמאן: דאס הער איך שוין.

קלארא: ליעבער פאטער.

וואלדמאן: ליעבע טאכטער.

קלארא: זעה ווי מיינע טרערען קומען מיר אין די אויגען.

וואלדמאן: שלינג זי הערונטער.

קלארא: מיין ליעבער טהייערער פאטער.

וואלדמאן: וואס ווילסטו?

קלארא: זאג מיר נישט אב ליעבער פאטער.

וואלדמאן: לאז מיך צורוה, די מאכסט מיר מיט דיינע טרערען די באקען נאס.

קלארא: מיט קיין אנדערן וועל איך קיינמאל נישט קענען גליקליך זיין.

וואלדמאן: בע, פוסטע זאכען, זיי א גוט קינד, זען דיך נאר אנדערע, מיר וועלען שוין פון דעם איין אנדערס מאל רעדען, אייל דיך נישט אזוי האב צייט. און אין איין נו ווייסטו דאך קען קיין שידוך נישט גע-שלאסען ווערען, וויפיעל טרעהרען פערגיסען מיידלעך וואס זיי קענען מיט זייער געליעבטען נישט חתונה האבען, דערנאך פערגיסען זיי גאר טרערען פארוואס זיי האבען יא חתונה געהאט. ווענינגסטענס איז דיר אזוי ווי א שטיין פון דעם הערצען הערונטער געפאלען, נא נא די צייט וועט שוין אלעס גוט מאכען.

קלארא: מיין ליעבער זיסער גוטער פאטער. (זי קושט איהם).

וואלדמאן: עס פערשטעהט זיך או מיט דיין מוטער ווען זי העטע גע-לעבט וואלסטו אזוי גיך נישט פארטיג געווארען.

(איפטריט הערמאן).

וואלדמאן: א גוט וואס איהר זענט דא הערמאן.

הערמאן: אייער בעפעהל איז פינקטליך ערפילט געווארען, דעם יונגען מאן האב איך שוין בעפרייט. ער איז אין פארצימער און ווינשט מיט אייך פערזענליך צו שפרעכען.

וואלדמאן: דאס איז מיר זעהר ליעב, איך דארף איהם מיט ליידיגע הענד נישט אוועקלאזען.

הערמאן: ער בעט מען זאל איהם לאזען מיט אייך אונטער פיער אויגען רעדען.

וואלדמאן: אונטער פיער אויגען וועגען וואס איז דאס?

הערמאן: ווען עס וועלען זיין פרעמדע מענשען וועט ער נישט קענען פונם הערצען רעדען פילייכט איז דאס א...

וואלדמאן: גוט, נו געהזשע טאכטער דערוויייל מיט דעם לעהרער אין פארצימער, נאר געהט נישט אוועק דען איך האב מיט אייך וויכטיגעס צו רעדען (ביידע אב

(אויפטריט משה.)

וואלדמאן: (רייכט איהם געלד) נא און געה דיר מיין פריינד געזונטערהייט. דיין מוטער געהט עס בעסער, און צוליעב דיין מוטער פערצייהע איך דיר, און טוה אזעלכעס נישט מעהר, דען גזילה איז א שלעכטע מ"אכה, אט האסטו אביסעל געלד זיך דיר נאך א מין געשעפט. און אז איך וועל הערען אז די בּיזט פלייסיג און ערענטליך אזוי וועט מיין קאסא פאר דיר שטענדיג אפען זיין, נא מיין פריינד געה דיר געזונטערהייט.

משה: איהר זענט א גראסמוטהיגער הערר א גרויסער בעל צדקה, א שעהנער בעל עצה, און איין אונגעהייערער רייכער מאן, נאר איך

בעט אייך טהוט מיר די טובה און שאפט מיר גערעכטיגקייט געגען מיינען אונגערעכטען פאטער.

וואלדמאן: מן הסתם האט דיין פאטער רעכט געהאט. די האסט אין קארטען געשפיעלט נאך מיידלעך נאכגעלאפען, נו האט ער דיך פון דער שטיב ארויסגעטריבען די זאלסט אביסעל פולווער שמעקען: דען דאס איז די בעסטע רפואה, ועהסטו יונגער מאן ווען עס איז אזוי האט דיין פאטער פאלקאמען רעכט געהאבט, נאר ווער איז דיין פאטער?

משה: איהר האט א טעות מיין הער, עס איז נישט אזוי, און מיין פאטער קען מיך נאך גאר נישט ער האט מיך נאך קיינמאל נישט געזעהן. נאר די ביטערע טרעהרען פון מיין מוטער דאס איז מיר געבליבען א ירושה פון מיין פאטער, ער האט קיינמאל נישט געפרעגט אויף מיר ער זוכט זיך נישט צו קימערן וועגען וואס איך בין געבוירען אויף דער וועלט.

וואלדמאן: דאס איז זעהר שלעכט פון איהם זעהר נישט גוט.

משה: מיינע ארעמע בעטראגענע מוטער האט מיך אונטער עלענד און קומער אונטער זיפצען און קרעכצען ערצאגען, מיט איהר האנד-ארבייט האט זי זא פיעל ערייכט אז זי איז אים שטאנדע געוועזען מיין הערץ מיין גייסט אויסצובילדען און נאך די אלע שלעגע האט זי דאך פון מיר א מענש געמאכט וואס וואלט געקענט איינען פאטער גרויסע פריידע מאכען, נאר מיין פאטער איז אבער פאר זאלכע פריידע נישט עמפפינדליך, און זיינע געוויסען בלייבען איהם גאנץ רוהיג איבער דעם שיקזאל פון זיינעם קינד.

וואלדמאן: אויף דיעזער ארט איז ער דאך א געמיינער מענש.

משה: און ווי איך בין נאר אביסעל עלטער געווארען און האב נישט געוואלט מיינער מוטער צו לאסט פאלען, האב איך מיסען דיעזע קליידער אנציהען, ווייל איך האב ווערער איין פאס נאך איין נע-בורטסשיין געהאבט, נא האבען זיך אונזערע יודאלעך אויף מיר מרחם געוועזן און האבען מיך אין די קליידער אריינגעווארפען...

וואלדמאן: ארמעס קינד.

משה: אט אזוי זענען פערגאנגען מיינע בעסטע יונגע יאהרען, יעדאך האט מיר די נאטור די איינגעשאפט געשענקט אז איך בין תמיד פרעהליך געוועזען כדי איך זאל קענען שפעטער מיינע ביטערע טעג בעוויינען, די פריידע מיינער יוגענד איז געוועזען שווארץ ברויט און קאלט וואסער, נא וואס קימערט דאס מיינען פאטער? ער זיצט זיך ביי זיין געדעקטען טיש און זיינע געוויסען זענען רוהיג.

וואלדמאן: (אפארט) דער יונג צוברעכט מיר מיין הערץ.

משה: און היינט איז געוועזען דער טאג וואס איך האב שוין מיין מוטער פונקט פינף יאהר נישט געזעהן, פאל פריידע בין איך אהיים געגאנגען אום איך זאל מיך מיט מיינער מוטער זעהן, מיינע געדאנקען זענען געוועהן פאל מיט זיסע חלומות פאל מיט ליעבליכע בילדער דער פאנטאזיע, אם ענדע האב איך מיין מוטער געפונען שוואך, קראנק, און מיט א זאק אויף די פלייצעס, הונגעריג, נאקעט און דארשטיג, קיין ביסעל שטרוי אונטער איהר קאפ, קיין בעהעלטעניש פאר דעם רעגען, דאס הייסט פשוט אויף דער גאס, נו און וואס קימערט עס דאס מיינעם פאטער? ער האט א שעהנעם שלאס און זיצט אין די מעבלירטע צימער און האט זיך זיינע געשעפטע, יעדען טאג ווערט געעפענט זיין קאנטור, און אז ער וועט שטארבען וועט מען געהן פאר זיין לייכענצאג מען וועט זינגען און שרייען צדק לפניו יהלך, און אויף זיין מצבה וועט שטעהן געשריעבען דא ליגט דער מענש וואס איז געוועזען פאל טוגענד פאל מיט מעשים טובים.

וואלדמאן: יונגער מענש ווער איז דיין פאטער?

משה: דער וואס האט די שוואכהייט פון איין ארענטליכעם אומשולדיגעם מעדכען איבערגערעדט דורך פאלשע שבועות דורך פאלשע פער-שפרעכונגען, און האט בעניצט די געלעגענהייט זי פאר צוויי אלטע עדות מקדש צו זיין, מיט דער אויסזיכט אז די עדות וועלען דאך לאנג נישט לעבען, ווערענד זי האט איין אומגליקליך געשעפף אויף דער וועלט געבראכט וועלכעם פארשעלט זיך זיינע יאהר און טעג וואס איז נאר געבוירען געווארען אויף דער וועלט, זיין איינענער פאטער

האט עס דאצו געבראכט אז דער איינער זאהן האט איהם שיער ערמארדעט.

וואלדמאן: ווי אזוי הייסט דיין פאטער?

משה: פערדינאנד וואלדמאן. אט אין דעם הויז און פיליכט טאקע דא אין דעם צימער האט איהר מיין פאטער מיינער מוטער איהרע טוגענד גערויבט, און מיך האט ער בעשאפען אז איך זאל מיט צוואנציג יאהר שפעטער אויף דעהן תליה הענגען. און יעצט מיין הער איך בין נישט פריי, איך בין אייער געפאנגענער איך וויל נישט פריי זיין, איך בין א גזלן און וועל מיך אליין איינקלאגען, איהר וועט אליין הערען מיין אורטייל, איהר אליין זאלט הערען ווי איך וועל אין פערצווייפלונג מיין פאטער פארשטעלען, איהר אליין זאלט שטעהען און קוקען ווי דער תלין וועט מיר דעם שטריק אויף דעם האלז ארויפלעגען און וועט מיך ארויף ציהען דאמאלס זאל דאס בלוט אין אייך אזוי פערקיהלט ווערען ווי מיינס אין מיר.

וואלדמאן: האלט איין גענוג.

משה: און ווען איהר וועט אהיים קימען פון דער עקזעקוציאן זאלט איהר דא אויף די ערשטע טרעפ מיינע מוטער טרעפען ווי זי וועט איהר לעצטען קרעכץ אויסהויכען.

וואלדמאן: האלט איין אונמענש גענוג...

(אויפטריט הערמאן).

הערמאן: וואס איז דאס? איך הער צו הויך רעדען וואס געהט דא פאר? יונגערמאן איהר האט דאך נישט געוואגט...

משה: דאך הערר, איך האב יא געוואגט, געוואגט איינעם ווינדער צו ערינערן, אזוי איך בין א מערדער א גזלן, איך מוז מיך אליין איבערגעבען, און מיין בלוט וועט דארט עדות זאגען געגען דעם מענשען (אב)

הערמאן: אומגאטעס ווילען וואס איז דאס? איך בעגרייף עס נישט.

וואלדמאן: ער איז מיין זאהן ער איז מיין זאהן, ניך ה׳ לעהרער גיט מיר א ראהט. העלפט איך בעט אייך, גיעך לויפט צו דער קראנקער

דארט אין דארף אריין (הערמאן אב) בין איך פאם זינען? פאנטאזיר איך? איך האב איין זאהן איין בראווען ליעבען יונגע און איך האלט איהם נאך נישט אין מיינע ארם? העדיענער ברוך ווי איז ער?

ברוך: ווער דער גזלן?

וואלדמאן: די אלטער הונד, דער יונגער מאן וואס איז דא ביי מיר ערשט געוועזען.

ברוך: ער וויל צום געריכט געהן, מיר האבען געשיקט נאך א פאליציי בעאמטען.

וואלדמאן: עס זאל זיך קיינער נישט אונטערשטעהן דעם יונגען מאן צו בעריהרען.

ברוך: זעהר גוט.

וואלדמאן: ברוך.

ברוך: גנעדיגער הערר דער ה׳ שטוצער.

וואלדמאן: איך דארף מעהר קיין עדים נישט. איך האב איין זאהן וואס וועט מיין נאמען פערפלאנצען, וואס וועט מיך ירשענען א זאהן וואס איך וועל אויף זיינע הענד שטארבען, אה איך וועל אלעם גוט מאכען, איך וועל מיך נישט שעהמען, אלע מענשען אלע בעדיענטע מעגען דאס וויסען אז איך האב געקענט אין מיין קינד פערגעסען אבער... דאס וועל איך איהם שוין נישט... ברוך, בעט איהם ער זאל אהער אריינקומען, און וויפיעל מענשען עס זענען דא זאלען אלע אהער אריינקומען, אך מיין בלוט לויפט מיר דורך מיינע אדערן פון די פים ביז צום קאפ, אזא פריידע וואס איך האב עס גאר נישט פערדיענט.

(אויפטריט משה).

אה קום אין מיינע ארם, קום הער מיין הערץ, מיין זאהן, מיין טהייער קינד...

פארהאנג פאלט.

ענדע פון דעם דריטען אקט.

פיערטער אקט.

(וואלדמאן און משה זיצען און דיסקוטירען).

וואלדמאן: אזוי ביזטו אין דער שלאפט אויך געוועהן? אה מיין ליעב קינד, גיב מיר א קוש. ועהסט, איך וואלט געוועט אויף וואס די וועלט שטעהט אז ווען די זאלסט געוועהן געבוירען און ערצויגען ווערען ביי מיר אין שטיעב אלס משה׳לע וואלדמאן וואלסטו געווים געווארען געבען אזעלכע רייכע עלטערן א פוסטער פריינד, און אזוי אלס משה׳לע בערקאוויטש ביזטו א וואויל יונגעל געווארען, עס פערשטעהט זיך אז עס האט דיך פיעל שוויים געקאסט, געווים האבען דיר דיינע יונגע יאהר נישט אזוי שעהן געבליהט, דערפאר אבער מיין זאהן וועל איך דיך יעצט אלס מיין עפענטליכען יורש ערקלעהרען, איא מיין זאהן? נא ווי געפעלט עס דיר מיין קינד?

משה: נא און מיינע מוטער?

וואלדמאן: די זעהסט מיין קינד, דיין פאטער איז נישט ארם דאס גאנצע שטעטעל איז מיינס, און טאקע נישט ווייט פון דאנען האב איך נאך א גוט און אין פראנקרייך האב איך נאך דריי גיטער.

משה: אבער מיינע מוטער?

וואלדמאן: דאס האב איך דאך געוואלט זאגען, דיין מוטער קען זיך אויס־קלויבען דעם בעסטען פלאטץ ווי איהרע איבריגע יאהרען צו פער־ברענגען, ווען נישט אין פראנקרייך זאל זי זיך בעזעצען דא אין דארף אדער אויף דען אנדערן גוט, עס איז דארטען דא זעהר א שטהנער גארטען, די בעסטע פרוכטע געפונט מען דארטען, א ריינער פאראדיס, דארט זאל א פרעהליכע עלטער איהרע קנעטשען אויסגלייכען

משה: וואס? דאס הייסט אז...

וואלדמאן: יא יא משה׳לע, דאס איז נישט ווייט פון דאנען, און אז מיר וועלען וועלען די מוטער בעזוכען, וועלען מיר הייסען פערד שפאנען און מיר וועלען אלע מאל פאהרען צו איהר אין בעזוך.

משה: נא אין אונטער וועלכען נאמען זאל דארטען מיינע מוטער וואהנען?

וואלדמאן: אה די נער...

משה: א איך פערשטעה גוט, איך וועל אויף א ווייל וועקגעהן אום אייך צייט צו געבען די זאך צו איבערלעגען, נאר איך מוז אייך זאגען אז מיין שיקזאל ווירד ניע אבגעריסען פאן דעם שיקזאל מיינער מוטער, אה דאס שווער איך אייך ביי אלעם וואס מיר הייליג איז, ווען איך וועל פיהרען דעם נאמען משה וואלדמאן מוז מיינע מוטער אויך ביי דעם נאמען בלייבען, אבער ווען מיינע מוטער בלייבט ביי דעם נאמען בערקאוויטש אזוי בלייבע איך אויך משה בערקאוויטש (אב).

וואלדמאן: צום טייפעל נאך אמאל וואס וויל ער? ער וויל אפשר די שטילע חתונה וואס איך האב געמאכט מיט זיין מוטער אין געהיים פיר גילטיג ערקלערען, עע יונגערמאן דו דארפסט דיינעם פאטער קיינע דעות פארשרייבען, איך רעדען דא ווי וואונדערשעהן איך האב אלעם איינגעריכטעט און בין אזוי פרעהליך וואס איך האב מיינע געוויסען צופריעדען געשטעלט, אויף איינמאל פאלט מיר גאר א שטיין פאר די פיס און וויל איך זאל ווייטער פאלען, אה ניין, ווי מיינסטו מיין הערץ? דו שווייגסט אבער דו רעדסט נאך... (אויפטריט הערמאן) א גוט וואס איהר זענט דא ה׳ לעהרער, איך האב מיך דא מיט מיינע געוויסען אין איין פראצעס פערזעצט, און אזא פראצעס קענט איהר נאר ויסען און פערשטעהן ווער עס האט רעכט;

הערמאן: אייערע געוויסען האבען רעכט.

וואלדמאן: אה ה׳ לעהרער גאר נישט אזוי, איהר ווייסט דאך נאך גאר נישט פון וואס די רעדע איז דא.

הערמאן: די געוויסען האבען אימער רעכט, ווייל די געוויסען רעדען נאר דאן ווען זיי מוזען גערעדט זיין.

וואלדמאן: אזוי! איך ווייס גאר נישט צו געוויסען רעדען און שווייגען, אה ה' לעהרער, אט אין אזעלכע געפיהלע צו לעזען איז נישט אזוי לייכט הערט מיך אוים, די זאכע דערפון איז אזוי. איך האב מיין זוהן געפונען, איאה ה' לעהרער איין בראווער ליעבענסווירדיגער יונגע, פייעריג שטאלץ און פרעהליך, איך וויל איהם פאר מיין איינציגען יורש ערקלערען, ווי מיינט איהר, האב איך רעכט?

הערמאן: פאלקאמען רעכט!

וואלדמאן: און זיין מוטער זאל אויף איהרע אלטע טעג אין פריידען לעבען, דאס גוט וואלינער וויל איך איהר שענקען דארט זאל זי וואהנען, און גאנץ נאך איהר ווילען זיך איינריכטען, און ווידער אויפ-לעבען און ווידער יונג ווערען, ווי מיינט איהר האב איך רעכט?

הערמאן: ניין!

וואלדמאן: ניין? וואס דען זאל איך טהון?

הערמאן: נאך אמאל א חופה שטעלען!

וואלדמאן: ווייס איך וואס איהר רעדט!

הערמאן: איך קען אייך גוט ה' וואלדמאן, איך ווייס אז איהר זענט נישט פון די מענשען וואס רעדען ארוים סתם יא אדער ניין, נאר אימער נאר אימער וועלכען ריכטיגען גרונד דאבייא האבען, און איך אלם ריכטער פון אייערע געוויסען שטעה דא און ערווארטע אייערע גרינדע צו הערען!

וואלדמאן: ווייס איך וואס, איך וועל דאך אם ענדע נישט חתונה האבען מיט א בעטלערין.

הערמאן: איז דאס אין גאנצען אייערע גרינדע?

וואלדמאן: און נאך גרינדע א סך גרינדע.

הערמאן: ווען איך זאל זיי נאר קענען הערען.

וואלדמאן: איך בין פון גרויסען יחוס,

הערמאן: און ווייטער?

וואלדמאן: און ווייטער ווייס איך נישט.

הערמאן: נו, יעצט מוז איך שוין רעדען, זאגט מיר דעם אמת, האט זי אייך מיט איהרע חנ'דעלעך איינגעלאקט אז איהר זאלט זי מקדש זיין?

וואלדמאן: ניין זי איז געוועזען איין בראוועס ארענטליכעס מעדכען.

הערמאן: האט עס אייך פיעל מיה געקאסט זי צו בעויגען?

וואלדמאן: זעהר פיעל?

הערמאן: האט איהר זי פאר עדות מקדש געוועזען?

וואלדמאן: יא!

הערמאן: און אייער עהרע אלם פפאנד איהר געגעבען?

וואלדמאן: נו, יא צום טייפעל!

הערמאן: יעצט מוזט איהר אייער שוואר האלטען און אייער פפאנד אויסלעזען אויב איהר זענט איין עדעלמאן, איהר האט דאמאלם געוואלט בערעכענען וואס דערפון וועט ווערען, און אז איהר ווילט עס יעצט פאררעכטען אזוי האט איהר נאך אלץ די ווערט מען זאל אייך שעצען און אכטען, אבער ווען איהר מיינט עס נאר צו פאררעכטען מיט איין האנדפאל געלד, הערט ה' וואלדמאן מיינע שארפע ווארטע איבערלעגט נאר גוט וואס איהר טהוט אייער נאמען אייער גוט הערץ וועט אויף דער וועלט בלייבען, ווילט איהר עס דען אין גריב מיטנע-מען? וואס וואלט איהר געטהון ווען זי זאל געוועזען אין איהר קריטישער לאגע דאמאלם דאס קינד ערמארד, עט? איך זאג עס אייך נאך אמאל דאנקט גאט וואס עס שטעהט יעצט ביי אייך אין דער האנד אזוי בילינג אבצוקויפען, ערקלערט מאניען פאר אייער פרוי דאס וועט אייך גליקליך מאכען און זעהר פיעל גליק ברענגען, ערשטענס וועלען אייך די געוויסען נישט פלאגען צווייטענס ברענגט זי אייך איינען זוהן וואס א קעניג וואלט אמאל זיין גאנץ קעניגרייך אוועקגעגעבען, און סענט פרעהליך אויסשרייען פאר דער וועלט און פאר אייערע פריינ-דע, איך האב איין בראווען זוהן און איינע עהרליכע פרוי!

וואלדמאן: פְרַיינְד! ווִינְשְׁט מִיר גְלִיק, אִיךְ הָאבּ אַיין בְּרַאוָועֶן ווּהן אוּן אַיינֶע עֶהרְלִיכֶע פְרוֹי!

הערמאן: זִי אִיז בַּיי אַייךְ אִין קַאבִּינֶעט. אוּם קֵיין לֶערְם צוּ מַאכֶען הָאבּ אִיךְ זִי אַרַיינְגֶעפִיהרְט דוּרְךְ דֶעם גָארְטֶען.

וואלדמאן: נָא וֶוען אַזוֹי זָאל נָאךְ הַייטֶע בַּיי אוּנְז אַיינֶע עֶפֶּענְטְלִיכֶע חֲתוּנָה שְׁטַאטְפִינְדֶען.

הערמאן: אִיהר הָאט רֶעכְט, אַזוֹי ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט פְרִיעֶר גֶע־זֶעהן אִיהר אוּנְגְלִיק זָאל יֶעדֶער יֶעצְט אִיהר גְלִיק זֶעהן.

וואלדמאן: אִיךְ שֶׁעהם מִיךְ פַאר דֶעם עֶרְשְׁטֶען בֶּעגֶעגְנִישׁ מִיט אִיהר ווִי אַ גַנָב.

הערמאן: אִיהר מֶעגְט גַאנְץ רוּהִיג זַיין, מַאנְיֶעם הֶערְץ אִיז פְרָאם און גוּט

וואלדמאן: און ווִידֶער שֶׁעהם אִיךְ מִיךְ פַאר מֵיין טָאכְטֶער און פַאר אִיהר חָתָן דֶעם שְׁטוּצֶער און פַאר אַלֶע מֵיינֶע הוֹיזְלַייטֶע, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין גֶעווָאלְט אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין נָאךְ אַלֶעם. אִיךְ ווִיל מִיךְ פְרִיעֶר נִישְׁט זֶעהן מִיט מַאנְיֶען בִּיז אַלֶעם וֶועט נִישְׁט עֶרְקְלֶעהרְט וֶוערֶען. הֶע בָּרוּךְ רוּף אַרַיין מֵיין טָאכְטֶער און דֶעם ה׳ שְׁטוּצֶער. אִיךְ וֶועל זַיי דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע עֶרְקְלֶעהרֶען, און אַז דֶער ה׳ שְׁטוּצֶער וֶועט מִיר וֶועלֶען ווַייזֶען זַיין חָכְמָה אַזוֹי מִיעַ. עֶר שׁוֹין זַיין פֶערְד שְׁפַאנֶען אִין פָאהרֶען צוּ אַלְדֶע שְׁוַוארְץ יָאהר.

(אויפטריט קלארא שטוצער הערמאן).

שטוצער: אִיהר פֶערְלַאנְגְט אוּנְז צוּ זֶעהן ה׳ וַואלְדְמַאן? מִיר זֶענֶען אַבִּיסֶעל שְׁפַּאצִירֶען גֶעגַאנְגֶען. אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגֶען ה׳ וַואלְדְמַאן דָאס דִי גֶעגֶענְד זֶעהט אוֹיס ווִי אַיין פַארַאדִיס, אִיבֶּערְהוֹיפְּט וֶוען קְלַארַא שְׁפַּאצִירְט מִיט. זִי אִיז ווִי עֶווַא דִי מוּטֶער פוּן אַלֶע דַאמֶען און אַלֶע מֶענְשֶׁען נָאר אַיין אַדַאם פֶעהלְט און דֶער אִיז גֶעפוּנֶען יָאה עֶר אִיז גֶעפוּנֶען.

וואלדמאן: וֶוער אִיז גֶעפוּנֶען משה׳לֶע אִיז גֶעפוּנֶען אָבֶּער נִישְׁט אַדַאם.

שטוצער: וָואס פַאר אַ משה׳לֶע?

וואלדמאן: מֵיין זָאהן מֵיין אַיינְצִיגֶער זָאהן!

שטוצער: אַייעֶר זָאהן? מֵיין פָאטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיהר הָאט נָאר אַיין אַיינְצִיגֶע טָאכְטֶער.

וואלדמאן: אַייעֶר פָאטֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט ווִיסֶען ווַייל אִיךְ אַלֵיין הָאבּ עֶס עֶרְשְׁט עֶרְפַאהרֶען.

שטוצער: נִישְׁט צוּם פֶערְשְׁטֶעהֶען.

וואלדמאן: קוּרְץ גֶעזָאגְט דֶער יוּנְגֶער מַאן וָואס אִיז מִיךְ הַיינְט אִיבֶּער־פַאלֶען דֶער אִיז מֵיין זָאהן.

שטוצער: ווִי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ צוּ גְלוֹיבֶּען?

וואלדמאן: מֵיין גָאט אִיךְ שֶׁעהם מִיךְ פַאר דֶעם נַארִישֶׁען פְרַיינְד.

הערמאן: אַזַא מַאן ווִי אִיהר זֶענְט זָאל זִיךְ שֶׁעהמֶען פַאר...

וואלדמאן: עֶר אִיז אַיין זָאהן פוּן מֵיינֶער פְרוֹי וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט אִיהר אִין דֶער יוּגֶענְד חֲתוּנָה גֶעהַאט און בַּאלְד קוּמְט אַהֶער זַיינֶע מוּטֶער און אִיךְ וֶועל מִיט אִיהר עֶפֶענְטְלִיךְ אוֹיפְס נַיי חֲתוּנָה הָאבֶּען. און וֶוער עֶס וֶועט וַואגֶען דִי נָאז פֶערְדְרֶעהֶען וֶועל אִיךְ דֶעם קָאפּ צוּשְׁפַּאלְטֶען. יָא יָא טָאכְטֶער מֵיינֶע דִי הָאסְט אַ בְּרוּדֶער בֶּעקוּמֶען מַאךְ נָאר גְרוֹיסֶע אוֹיגֶען.

כלארא: מֵיינְסְט עֶס עֶרְנְסְט פָאטֶער? זָאל אִיךְ עֶס גְלוֹיבֶּען?

שטוצער: און ווִי הַייסְט זַיינֶע מוּטֶער?

וואלדמאן: זִי הַייסְט. ה׳ לֶעהרֶער זָאגְט אִיהר.

הערמאן: זִי אִיזְט אַיינֶע בֶּעטְלֶערִין!

שטוצער: אַיינֶע בֶּעטְלֶערִין?

הערמאן: זִי הַייסְט מַאנְיֶע בֶּערְקָאווִיטְשׁ אוֹיבּ עֶס אִיז אַייךְ גֶעלֶעגֶען צוּ ווִיסֶען.

שטוצער: בֶּערְקָאווִיטְשׁ? דִי פַאמִילְיֶע אִיזְט מִיר אוּנְבֶּעקַאנְט!

וואלדמאן: זִי גֶעהֶער צוּ אַיינֶע אָרֶענְטְלִיכֶע פַאמִילְיֶע און פַיינֶע מֶענְשֶׁען אוּנד זִי אִיזְט לֵיידֶער...

שטוצער: ה׳ וַואלְדְמַאן, אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגֶען אַז אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה שׁוֹין וָואס דָא אִיז. אִיהר הָאט גֶעווִיס אַ מֶעדְכֶען צוּגֶעשְׁוואוֹירֶען אַמָאל אַז אִיהר

וועט מיט איהר חתונה האבען אזוי ווי די וועלט פיהרט זיך, אזוי ווי די מאדע איז. און זי האט געהאט א זונדאלע, נא פון וואלכע זאכען מאכט מען זיך א צימעס?

וואלדמאן: און מיין זאהן זאל זיין ביי מיר מיין איינציגער יורש!

שטוצער: ליעבעס פריילין, איך מוז מיך פאר אייך אנטשולדיגען איהר זאלט וויסען אז מען וויל ביי אייך דאס גאנצע ערבטהייל אוועקנעמען.

קלארא: נעמט אייך פאר מיר נישט אן, דען ווען ער איז מיין פאטערס זאהן איז ער דאך מיין איינציגער ברודער.

וואלדמאן: בראוואָ מיין טהייער זים קינד, קום אהער לאמיך דיך האטש קושען, ה' שטוצער, מאכען זי אונז די פריידע און לאזט אונז אליין אביסעל, ווייל דא וועט באלד פארקומען איינע סצענע וואס אזוינע חכמים ווי איהר זענען איבערפליסיג.

שטוצער: נאטירליך וועל איך דא נישט בלייבען, איך בין דאך נישט געקומען אהער אזא שוואגער צו האבען און איינע בעטלערין אלס שווינגערמוטער, אדיע ה' וואלדמאן! (אב)

וואלדמאן: אך איך לעב אויפ'ס נייע אויף, און ווייס מיין טאכטער, דיין פאטער האט צוריק מיט 20 יאהרע איינע דומהייט געמאכט, און האט מיט איין ארום מערכען שטילערהייט חתונה געהאט און האט איין זאהן אויף דער וועלט געבראכט, יעצט נאך 20 יאהר וועל איך זי עפענטליך פיר מיינע פרוי ערקלעהרען און איהם פיר מיינען זאהן, ווי מיינסטו טאכטער?

קלארא: וואס פרעגסטו מיך ליעבער פאטער?

וואלדמאן: וועט עס דיך נישט פערדריסען דאס וואס דו פערלירסט?

קלארא: וואס פערליר איך דען פאטער?

וואלדמאן: דו ביזט מיינע איינציגע ערבין געוועזען.

קלארא: איך פרעה מיך מיט מיין איינציגען ברודער!

וואלדמאן: פערלירסט אזא גראסעס פערמעגען!

קלארא: מיין ברודערס ליעבע זאל עס מיר בעצאהלען!

וואלדמאן: און אויך מיין ליעבע (קושט זיך) ה' לעהרער, דאס האב איך אייך אלעס צו פערדאנקען, אזא מאן ווי איהר זענט מיט אזא לעהרע פאל טוגענד און מעשים טובים וואלטען זיך געמעגט ווינטשען, איך בין א מיוחס און איהר זענט איין עדעלמאן איך בין אייך זעהר פיעל שולדיג, מיין טאכטער, ווילסטו מיין שולד בעצאהלען?...

הערמאן: מיין נאט! ה' וואלדמאן!

וואלדמאן: שטיל, שטיל! קיין ווארט מעהר!

קלארא: אך ווי גוט ווי וואויל מיר איז אויף איינמאל געווארען!

וואלדמאן: גענוג, איך וואר דא צווישען אייך פערריקט, לאזט מיך אביסעל צו זיך קומען, עס שטעהט מיר נאך יעצט פאר איין גרעסערען שריט צו מאכען וואס עס וועט פיעל מעהר הערצרייסענד זיין. יא ליעבע קינדער אין איין פאר מינוטען איז אלעס פערטיג, דאס הערץ קלאפט מיר שרעקליך, עס מוז געשעהן, ווי איז מאנייע?...

הערמאן: איך געה זי אריינברענגען. (אב)

וואלדמאן:ווארט נאך אביסעל, דיעזער אויגענבליק איז שרעקליך, עס שוידערט מיך, איך וועל מוטה פאסען, פון דארטען וועט זי ארויסקומען, דאס איז געוועזען דאס שלאפצימער פון מיינער מוטער, פון דארטען פלעג איך זי זעהן עפטערס ארויסקומען, און איך פלעג איבעראשט ווערען פון איהר שענהייט פון איהר זיסען שמייכעל, נא ווי וועל איך יעצט קענען איהר בליק ערטראגען? יא משה'לע זאל פאר מיר בעטען ווי איז מיין זאהן מיין משה'לע? הע ווער איז דארט? לאז אריינקומען ווי איז מיין זאהן.

דיענער: אין זיין צימער.

וואלדמאן: ער זאל באלד אהער קומען.

(אויפטריט הערמאן).

וואלדמאן: נא ה' לעהרער מיין הערץ קלאפט עס קען שוין מעהר נישט אויסהאלטען, געשווינד געשווינד, ברענגט זי אריין אהער (ער דערזעהט

מאַניען) אָה מַיינֶע טְהֵייעֶרֶע מַאנְיֶע דִי עֶרְקֶענְסְט נָאךְ דִי שְׁטִימֶע פוּן דַיין וַואלְדְמַאן.

מאניע: אָה וַואלְדְמַאן (אומארמען זיך).

וואלדמאן: אָה פֶּערְצַייהֶע מַאנְיֶע.

מאניע: אִיךְ פֶּערְצַייהֶע דִיר וַואלְדְמַאן.

(אויפטריט משה).

משה: אָה אִיךְ הֶער דִי שְׁטִימֶע פוּן מֵיינֶער מוּטֶער אָה מוּטֶער מוּטֶער פָּאטֶער פָּאטֶער.

קאָהר: פְרֵייט אַייךְ אַלֶע לִיעבֶּע בְּרוּדֶער
מִיט דֶער נֵייעֶר פְרֵיידֶע דִי
לָאמִיר אַלֶע זִינְגֶען לִידֶער
לָאז זַיין אַ גוּטֶער שָׁעָה
הֶער וַואלְדְמַאן זָאל לַאנְג לֶעבֶּען
מִיט פִיעל גְלִיק אִין גֶעזוּנְד
אוּן זַיין פְרוֹי אויךְ דַאנֶעבֶּען
מִיט זַיין גֶעפוּנֶען קִינְד
גְלִיקְלִיךְ זָאלְט אִיהר אַלֶע זַיין
אוּן אויךְ מִיט לַאנְגֶע יָאהר
אַ דָאס ווִינְשֶׁען מִיר אַייךְ אַלֶע (ביס)
אַז גָאט זָאל אַייךְ הֶעלְפֶען גָאר.

ביסם:

פאָרהאַנג פאלט

ענדע פון דעם פיערטען אקט.